STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01511

BIRO-BIDZSHAN

Yaakov Milkh

*Permanent preservation of this book was made possible
by Sheila Jane Sostek
in memory of
Morris & Ida Sostek and Isaac & Mary Sherman & Families of Malden, MA*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב מילך

ביראָ־בידזשאַן

א נייע עפּאָכע
אין דער
אידישער געשיכטע

ארויסגעגעבן פון קולטורצווייג ביים איקאָר
ניו יאָרק
1936

אינהאַלט

זייט

1 מכוח אנטיסעמיטיזם בכלל 5

2 קאַרל מאַרקס און „אנטיסעמיטיזם" 11

3 אידישער סאָציאַליזם און אסימילאַציע 18

4 נאַציזם און באָלשעוויזם 22

5 דיקטאַטור אלס מיטל און דיקטאַטור אלס צוועק 27

6 אויב קאָמוניזם איז שוין בעסער פאַגראָמען 34

7 קולטור און אידיש אין ביראָ־בידזשאַן 34

1.

מכוח אנטיסעמיטיזם בכלל

אין דער קורצער אַרבעט דאָ וועלן מיר זיך ניט אָפּגעבן מיט דער געאָגראַפיע אָדער טאָפּאָגראַפיע, מיט דעם קלימאַט, די פרוכטבאַרקייט אָדער די פלאָרא און פאונא פון בירא-בידזשאַן. אין אַלע די ענינים איז דער שרייבער פון די שורות, ניט ווייניגער פונ׳ם לייענער, אָנגעוויזן אויף די אויספאָרשונגען פון די פּאַכמענער און ספּעציאַליסטן אין די פאַרשידענע וויסנשאַפטן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט די זאַכן. אַזעלכע פּאַכמענערשע אונטערזוכונגען, אגב, זענען שוין דאָ לרוב, און זיי גיבן אונז אַ קלאָרן באַגריף פון דעם לאַנד און וואָס עס פאַרשפּרעכט. מיר דאָ וועלן זיך דערפּאַר פאַרנעמען מיט גאַנץ אַנדערע אַספּעקטן פון דער פּראָבלעמע; מיר וועלן זוכן, אויף וויפיל עס איז מעגלעך אין אַ קורצער אָפּהאַנדלונג, זיך צו פאַרטיפן אין די סאָציאַל פּאָליטישע און אידיש נאַציאָנאַלע מעגלעכקייטן פון בירא-בידזשאַן פאַר דער צוקונפט פון דעם גאַנצן אידנטום. בירא-בידזשאַן, ווי עס שיינט דער שרייבער, ווייזט דעם וועג צו אַ פּערמאַנענטער לייזונג פון דער אידנפראַגע.

וואָס זענען די דאָזיגע סאָציאַל פּאָליטישע און אידיש נאַציאָנאַלע מעגלעכקייטן?

כדי בולט אַרויסצוברענגען דעם געדאַנקענגאַנג וואָס דער שרייבער זוכט דאָ דורכצופירן, איז נויטיג זיך אָפּצושטעלן אַ ווייל צו מאַכן אַ שנעלן איבערבליק איבער דעם ענין אַנטיסעמיטיזם בכלל:

דער אַנטיסעמיטיזם איז אַזוי אַלט ווי עס איז אַלט דאָס אידישע פאָלק. אין אַ געוויסן זין קען מען זאָגן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז עלטער פון דעם אידישן פאָלק. ער הייבט זיך אָן מיט דער לעגענדע, וואָס איז אפשר אַ טויזנט יאָר עלטער פון דעם אידישן פאָלק, אָדער פון זיין געשיכטע. די שנאה צו די בני ישראל אין מצרים, ווי די לעגענדע דערציילט, האָט עקזיסטירט איידער זיי זענען געוואָרן אַ פאָלק. די אידישע געשיכטע הייבט זיך אייגנטלעך אָן מיט אָט דער שנאה וואָס אירע וואָרצלען שטעקן אין די גראָע צייטן פון דעם טיפן אַלטערטום. שוין דעמאָלט איז געווען געשריבן, אַז יוסף, דער שני למלך, ווען ער האָט זיך געגעבן צו דערקענען צו זיינע ברידער, האָט ער באַפוילן צו גרייטן אַ באַזונדערן טיש פאַר די מצרים און אַ באַזונדערן טיש פאַר זיינע ברידער, „וואָרום די מצרים קענען ניט עסן ברויט מיט די עברים, ווייל דאָס איז אַן אומווירדיקייט ביי די מצרים.“ (בראשית 43—32).

עס איז מערקווירדיג וואָס יענער זאַץ, געשריבן מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק, אַנטהאַלט שוין אין זיך דעם סאַמע תוך פון דעם היינטיגן אַנטיסעמיטיזם. דער תוך פון אַנטיסעמיטיזם איז אַ צווייפאַכיגער: דאָס און פאַרפאָלגונג פון איין זייט און ספּעציעלע פּריווילעגיעס פון דער אַנדערער זייט. די ספּעציעלע פּריווילעגיעס, — „פּראָטעקציע" איז אפשר דאָס בעסערע וואָרט — עקסטרא רעכט און באַזונדערן שוץ, זענען דער אַנדערער עק פון דעם שטעקן — אַנטיסעמיטיזם. זיי זענען ביידע גע-קומען צום לעבן דורך דערזעלביגער שנאה: די פאַרפאָלגונגען האָבן אַרויסגערופן די פּראָטעקציע, און די פּראָטעקציע האָט זיך געענדיגט מיט פאַרפאָלגונג. מען ווייסט אייגנטלעך ניט גענוי וועלכע פון די צוויי — די פאַרפאָלגונג צי די ספּעציעלע פּריווילעגיעס — זענען געקומען פריער. אָט דער טאָפּעלטער כאַראַקטער פון אַנטיסעמיטיזם איז, ווי געזאָגט, שוין אויסגעדריקט אין יענעם קורצן זאַץ. פון איין זייט „איז אַן אומווירדיקייט ביי די מצרים" צו עסן ברויט מיט די עברים, — און פון דער אַנדערער זייט איז דער שני למלך, דער פּרעמיער, (דער האַר יודע) אַן עברי.

אינטערעסאַנט איז אויך, אַז די באַשולדיגונגען קייגן די אידן, און די פאַרטיידיגונג מצד די אידן וואָס מיר הערן היינט, זענען דיזעלביגע וואָס מיר קענען פון דער לעגענדע אין גראָען אַלטערטום און פון די היסטאָ-רישע צייטן פון דער וויטער פאַרגאַנגענהייט, ווי עס זאָגן עדות דאָס ערשטע קאַפּיטל פון פּרשה שמות, אָדער די מעשה פון מגילת אסתר, אָדער די קלאַסישע שריפט „קייגן אַפּיאָן" פון יאָזעפוס.

עס איז ניט די אויפגאַבע פון דער אַרבעט, און עס וואָלט אויך געווען אוממעגלעך דאָ, צו אונטערזוכן די אורזאַכן פון דער אייבינער שנאה צו דעם אידישן פאָלק, אָדער נאָכצושפּירן די פאַרשידענע ען-דערונגען וואָס די שנאה האָט דורכגעמאַכט אין דעם פאַרלויף פון איר גע-שיכטע אין פאַרשידענע לענדער, היסטאָרישע פּעריאָדן און פאַרשידענע עקאָנאָמישע סיסטעמען, זאָל זיין גענוג צו זאָגן, אַז וואָס די אורזאַכן זאָלן ניט האָבן געווען, ווי פאַרשידן עס זאָלן ניט זיין די פאָרמען דורך וועלכער זי האָט זיך אויסגעדרוקט, אָדער דריקט זיך אויס, דער אינהאַלט פון אַנטיסעמיטיזם, דער תוך, איז געבליבן דערזעלביגער, דהיינו: אַן עקאָנאָמישער הינטערגרונד און אַ רעליגיעזע אָפּשפּיגלונג. דער אַנטיסע-מיטיזם איז אַלעמאָל עקאָנאָמיש אָבער ער האָט ליב זיך צו קליידן „דו-כאָוונע". אומעטום וואוהין די אידן זענען פאַרוואָרפן געוואָרן, אָדער פאַרטריבן געוואָרן, אומעטום געפינען מיר דאָסזעלביגע בילד: אַכזריות-דיגע רדיפות, עקאָנאָמישע רעכטלאָזיקייט און ספּעציעלע פּריווילעגיעס, און אַלץ אין דעם נאָמען פון דער הייליגער רעליגיע — די רעליגיע אָדער יענע רעליגיע.

און אויך די קייגנווירקונג מצד די אידן האָט זיך ווייניג וואָס גע-ביטן. טייל מאָל, זייער זעלטן, האָבן זיי געקעמפט. עס זענען אויך אין אַלע צייטן געווען שוואַכלינגען וואָס האָבן געזוכט פּערזענלעכן שוץ אונ-טער דעם צלם, אָדער דער האַלבער לבנה, מייסטנס אָבער האָבן זיי גע-ליטן; זיך איינגעקאָרטשעט און איינגעשרענקט אַרום דער אייגענער רעליגיע; זיך פאַרענטפערט פאַר די גוים, אין דער צייט ווען יענע זענען

געוועז דער חיוב; געבעטן רחמים ביי גאָט; געלעבט מיט בטחון און געהאָפט — אומזיסט — אויף משיחן, אז ער וועט קומען און זיי אויסלייזן פון גלות.

ניטאָ קיין אָריגינעלער שטריך אין דעם גאַנצן ענין אנטיסעמיטיזם. ניט פון איין צד און ניט פון דעם אַנדערן, ביז אויף היינטיגן טאָג. דערזעלביגער שאבלאָן, דיזעלביגע טעכניק. עס האָבן זיך געביטן די מעטאָדן און די וואפן, דאָס הייסט, די פאָרמען, דער אינהאַלט איז געבליבן דערזעלבער.

אפילו דער ליבעראַליזם פון דעם 18טן יאָרהונדערט, וואס איז אויפגעקומען מיט דעם אויפשטייג פון קאַפיטאַליזם, האָט ניט אריינגעטראָגן קיין ענדערונג אין דעם צוגאנג צו דער פראַגע פון אנטיסעמיטיזם; אפילו די נאפּאָלעאָנישע עפּאָכע האָט ניט געשאפן קיין נייעס אין דער אויפפאסונג פון דעם פּראָבלעם. די אידישע לאגע אין די גרויס קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז געוואָרן באדייטענדיג פארלייכטערט; די באהאנדלונג פון די אידן מצד דער רעגירונג איז געוואָרן מענטשלעכער, אָבער דער אנטאגאָניזם, מיט זיין עקאָנאָמישן הינטערגרונט און רעליגיעזער אויבערפלאך, איז פארבליבן, ווי די שפּעטערע געשיכטע האָט דאָס באוויזן. דער תהום צווישן איד און קריסט איז ניט געוואָרן פלאכער אויף איין האָר, ניט אין פראַנקרייך און ניט אין די אנדערע לענדער. דערהויפּט האָט זיך ווייניג וואס געענדערט אין די לענדער וואו דער קאַפּיטאַליזם איז נאָך ווייניג אנטוויקעלט, און דער רוב אידן האָבן דאָך געוואוינט גראָד אין יענע לענדער.

פרידריך ענגעלס האָט דאָס באגרינדעט אין דעם יאָר 1890, אין א בריוו צו א קאָרעספּאָנדענט.

שרייבט ענגעלס:

„דער אנטיסעמיטיזם איז דער כאראקטעריסטישער צייכן פון הינטערשטעליגער ציוויליזאַציע.... אין פּרייסן זענען דאָס די קליינע פּריצים, די יונקערס, וועלכע פארלעבן 20,000 מארק מיט אן איינקונפט פון 10,000 און פאלן צוליב דעם אריין אין די הענט פון די פּראָצענטניקעס וואס צעבלאָזן דעם אנטיסעמיטיזם, און אין פּרייסן ווי אין עסטרייך זענען דאָס די קליינע בורזשואזיע, די האנטווערקער, די קליינע קרעמער זואָס ווערן פארזונקען אין די חורבות פון דער קאָנקורענץ פון גרויס קאַפּיטאל, וואס שטעלן צו דעם כאָר און קוויטשען צוזאמען מיט זיי...."

אָט דער לעצטער זאַץ איז וויכטיג:

„און קוויטשען צוזאמען מיט זיי" — אויך גרויס קאַפּיטאל איז ניט קיין סגולה קייגן אנטיסעמיטיזם, אויך גרויס קאַפּיטאל קוויטשעט מיט. אמת, אין די לענדער וואו גרויס קאַפּיטאל איז דער אומבאשרענקטער הערשער. אין לענדער ווי די פאראייניגטע שטאַטן, ענגלאַנד אָדער אפילו

פֿראַנקרייך, האָט דער אנטיסעמיטיזם ניט די שליטה וואס ער האָט אין די אנדערע לענדער, צופֿיל פֿארלאָזן זיך אויף דעם קען מען אבער נים. אויך די גרויס בורזשואזיע איז ניט אלעמאָל קיין גרויסער מפֿונק אין אַזעלכע זאכן. אויך זי וועט זיך ניט אָפּשרעקן פֿון א פּאָגראָמטשיקעל, אָדער אלגעמיינע פֿארפֿאָלגונג אויף אידן, ווען דאָס זאָל זיין אין אירע אינטערעסן. מען דארף נאָר קענען דעם קוואל פֿון וואנען עס פֿליסט דער ליבעראליזם און די דעמאָקראטישע געזינונג פֿון דער בורזשואַזיע, מען זאָל איינזען די ריכטיקייט פֿון דעם. דער ליבעראליזם פֿון דער בור-זשואזיע קומט, ערשטענס, פֿון דעם, וואָס צוליב איר אייגענער עקזיסטענץ מוז זי אָנהאלטן די טראַדיציעס פֿון פֿרייהייט און גלייכהייט. אויב פֿרייע קאָנקורענץ מוז מען געבן פֿרייהייט צו אלע גלייך. איבערהויפּט מוזן די ארבעטער, אויך די אידישע, זיין פֿריי צו קענען קאָנקורירן צווישן זיך. אָבער דאָס איז ביי דער בורזשואזיע ניט דער עיקר. אין אן עת צרה קען מען אויך די פֿרייהייט פֿארבייגן. דער עיקר איז, וואָס גרויס קאפּי-טאל האָט פֿאר דעם אידן אלס קאָנקורענט ניט קיין מורא. אזא גערעדאנק קען אפשר קלינגען פּאראדאָקסאל, דאָס איז פֿונדעסטוועגן דער אמת. דער אידישער אונטערנעמער, אין גאנצען גענומען, איז אין ערגעץ ניט — אַ חוץ קליינע אויסנאַמען — פֿון אַזא פֿארנעם ער זאָל קענען שטערן דעם שלאָף פֿון גרויס קאפּיטאל. דאָ און דאָרט א גרויסער אידישער באַנקיר, דאָ און דאָרט א גרויסער אידישער אינדוסטריאליסט — וואָסער באַטרעף האָט דאָס לגבי די רייכטימער פֿון רויע מאטעריאלן, פֿינאַנצן און די גרויס אינדוסטריען וואס דאָס ניט אידישע גרויס קאפּיטאל קאָנט-ראָלירט, און וואו דער איד קען זיך אפֿילו ניט צורירן? פֿאר דעם ערגסטן פֿאל קען מען דעם אידן לייכט „אויספּרירן" מיט דער הילף פֿון מאָרט-געדזשעס (היפּאָטעקן), וואס מען קאסירט איין, אָדער גאָר דורך אָפּשטעלן דעם קרעדיט, ווי מיר האבן דאָס געזען מיט אונזערע אייגענע אויגן אויף יעדן שריט און טריט זינט 1929. מען דארף נאָר דורכגיין בראָדוויי און זיך איינקוקן צו וועמען עס באַלאַנגען די גרויסע הימלקראַצערס, וואס אידן האָבן געבויט, ווי עס האָט זיך געדאכט, מען זאָל איינזען דעם אמת פֿון דעם געזאָגטן. גרויס קאפּיטאל האָט ניט קיין מורא פֿאר דעם אידן אלס קאָנקורענט.

פֿארקערט ווידער, דעם אידישן קרעמער, דעם מיטלמאן, דעם מעקלער, האָט גרויס קאַפּיטאל ליבער איידער דעם ניט אידישן. דער אידישער מיטלמאן דינט גרויס קאפּיטאל א סך בעסער איידער דער ניט אידישער; דער אידישער מיטלמאן איז אָרעמער, מער אָפּהענגיג און מער נערוועז. ער ארבעט געוויינטלעך האסטיגער, ער ארבעט לענגערע שטונדן, מיט מער אימפּעט, און ער באנוגנט זיך מיט קלענערע פּראָפֿיטן, קען דער קאַפּיטאליזם זיך פֿארגינען צו זיין ליבעראל בנוגע אידן. אָבער דאָס איז גילטיג נאָר אזוי לאנג ווי לאנג דער אימפּעט פֿון קאַפּיטאליזם גופֿא ווערט ניט איבערגעשלאָגן, אָדער געשטעלט אין צווייפֿל. אזוי שנעל אָבער ווי דער ארבעטער קלאס נעמט ערנסט זיך באַוועגן אין א ריכטונג וואָס זוכט צו באשטרייטן, צו באשרענקען אָדער גאָר אין גאנצן אָפּצושאפֿן די ממשלה פֿון קאַפּיטאליזם — ווי די קאָמוניסטישע באַוועגונג בלי ספק איז — אזוי שנעל ענדערט זיך די פּאנאָראַמע. גרויס קאַפּיטאל ווערט נער-

וועז, עס פארלירט דעם גערולד און דאָס גלייכגעוויכט; די הייטערקייט און די מונטערקייט פארשווינדן, די ליבעראַליטעט טוט זיך אָב און עס הייבט זיך א זוכעניש נאָך א פעטן ביין צוצוואַרפן דער קליינבירגער־לעבער בעסטיע, כדי זי צו געווינען אויף איר זייט קעגן דעם ארבעטער קלאַס.

אַזא „פעטער" ביין געפינט זיך באלד, איז אלעמאָל דאָ צו דער האנד. די בורזשואַזיע כאַפּט זיך אָן אָן דעם אנטיסעמיטיזם. מיט דעם האָפט זי צו שיסן צוויי פייגל מיט איין שאָס: עס דינט איר פאר א בליץ אַפּלייטער אָפּצוציען דעם קליינבירגערס אויפמערקזאַמקייט פון זיין אמתן שונא, די בורזשואַזיע, און עס ווענדט זיין בליק אויף זיין אוממיטלבאַרן קאָנקורענט, דעם אידן. דאָס העלפט שוין, פאר איין וועג, צו געווינען די סימפּאַטיע פון דער מיטלקלאַס פאר דער בורזשואַזיע קיינן דעם אר־בעטער קלאַס.

דער אומצופרידענער, און דערפאר, ראַדיקאַלער און האלב רעוואָלוציאָ־נערער קליינבירגער, וואָס ווערט געשטויסן אַלץ טיפער אין דעם אָפּגרונט פון עקאָנאָמישן אונטערגאנג, וואַקלט זיך כסדר צווישן האלב סאָציאַליזם און גאנץ קאַפּיטאַליזם. זיין האָפנונגסלאָזע עקאָנאָמישע לאַגע טרייבט אים אין דעם לאַגער פון דעם פּראָלעטאַריאַט; זיין האָפן און שטרעבן אָבער האַלטן אים מיט זיין גאנצער נשמה צוגעשמידט צו דעם קאַפּיטאַ־ליסטישן סיסטעם. אויפצורייצן דעם קליינבירגער קיינן דעם אידן, און קייגן די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער, איז די גרינגסטע זאַך פאר דער בור־זשואַזיע, ווי מען קען דאָס צום בעסטן זען אין דעם היינטיגן דייטש־לאַנד. פון אויבנאויף איז דער היטלעריזם א באַוועגונג פון דעם קליינעם מאַן, דעם קליינעם קרעמער, וואָס איז געריכטעט קעגן גרויס קאַפּיטאַל — נאַציאָנאַל סאָציאַליזם, ווי מען רופט דאָס דאָרט, אין אמתן אבער איז דאָס די אומפארשעמטסטע הערשאַפט פון גרויס קאַפּיטאַל, און איז גע־ווענדט, אין דער ערשטער ליניע, קייגן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלע־טאַריאַט. דאָס וואָס די באַוועגונג העלפט נאָך גריטלעכער פארניכטן דעם מיטלקלאַס — נו, דאָס פארשטייט דאָך דער מיטלקלאַס ניט, און אויף דעם איז דאָך דאָ דער אנטיסעמיטיזם, מיט וועלכן מען פארפלויישט און מען פאררוישט דעם קאָפּ פון דעם אָרימען, אומווויסנדן קרעמער.

אַזוי ארום קומט אויך די בורזשואַזיע צוריק צו דעם אַלטמאָדישן, אָריגינעלן אנטיסעמיטיזם, וואָס איז אַזוי אַלט, ווי געזאָגט, ווי דאָס אידישע פאָלק.

ערשט ביים סוף פון דער ערשטער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט איז אריינגעטראָגן געוואָרן א גאנץ נייער גידאַנק אין דעם צוגאַנג צו דער פראַגע פון אנטיסעמיטיזם. דער וואָס האָט אריינגעוואָרפן דעם געדאַנק איז צו יענער צייט געווען א יונגער מאַן פון 25 יאָר — קאַרל מאַרקס. דאָס איז געווען אין דעם יאָר 1843.

די לעצטע צייטן האָבן עטלעכע אידישע שרייבער, גאנץ אומפּאַר־אַנטוואָרטלעך, גענומען באַשולדיגן מאַרקסן אין אנטיסעמיטיזם. זיי טוען דאָס אויף דעם סמך פון עטלעכע שאַרפע פּאַראַגראַפן, ארויסגעריסן פון

זייער צוזאַמענהאַנג, וואָס מאַרקס האָט געשיקט אויף דעם אדרעס פון דעם אידנטום אין זיין באַרימטער עסיי „צור יודנפראַגע". יענע פּאַראַג-ראַפן האָבן זיך גאַנץ גוט געפּאַסט פאַר די דייטשע אידן פון יענער צייט, הגם זיי זענען געווען שטאַרק איבערטריבן בנוגע דעם איבריגן אידנטום.

מיט מער ווי 50 יאָר צוריק האָט דער הויף-פּרעדיגער שטעקער, דער טרויעריג באַרימטער אַנטיסעמיט, פּאַרגעוואָרפן מאַרקסן, אויף דעמזעל-ביגן סמך, אַז בעת דער „יודע מאַרקס האָט, אמת, אָנגעגריפן די אַרבייט-זאַמע און פלייסיגע קאַפּיטאַליסטן האָט ער אָבער קיינמאָל ניט אָנגערירט דעם אידישן וואוכערער". (זע מערינגס „ליטעראַרישער נאַכלאַס פון מאַרקס" א. אַ. וו., ערשטער באַנד, זייט 356). דידאָזיגע באַשולדיגונג איז פּונקט אַזוי אמת ווי די אַנדערע פון אונזערע אייגענע פאַרשווינען. אַוואַדע איז א שאָד וואָס דער יונגער מאַרקס האָט געברויכט די עטלעכע שאַרפן זאַצן, אָבער ווער דאַרף דאָס היינט פאַרטיידיגן מאַרקסן פאַר יענע איבערטריבענע פּאַראַגראַפן? דאָס איז פּונקט ווי ווען איינער זאָל היינט וועלן פאַרטיידיגן ישעיה הנביא פאַר וואָס ער האָט גערופן די אידן „זרע מרעים, בנים משחיתים".

דער פאַרשטאָרבענער ציוניסט-סאָציאַליסט דר. נחמן סירקין, האָט פונדעסטוועגן געענטפערט דידאָזיגע אומפּאַראַנטוואָרטלעכע זשורנאַליסטן אין פּאַראַויס שוין מיט צוואַנציג יאָר צוריק.

אין דער איינלייטונג צו זיין איבערזעצונג פון משה העס'עס „רוים און ירושלים" שרייבט דר. סירקין:

„אין זיין „אידנפראַגע" רעדט נאָך מאַרקס זעלבסט אין דעם פייער-באַכשן פילאָזאָפישן לשון, אַזוי דאָס דער אמתער אינהאַלט פון דיזער גלענצענדער שריפט איז פאַר פילע נאָך עד היום געבליבן אומפאַרשטענד-לעך און מיספאַרשטענדלעך" (משה העס „רוים און ירושלים, זייט 31-32).

„אומפאַרשטענדלעך און מיספאַרשטענדלעך"! גאַנץ ריכטיג. ניט נאָר האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן געלייענט, אויב זיי האָבן בכלל געלייענט, אין מאַרקס' גרויסאַרטיגער אַרבעט וועגן דער אידנפראַגע, נאָר זיי האָבן דאָס מיספאַרשטאַנען, ד. ה. זיי האָבן דאָס פאַרשטאַנען קאַפּויער, מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַז ניט וואָלטן זיי געווען געוואוסט, אַז עס איז געווען גראָד יענע אַרבעט מאַרקסעס, וואָס האָט געוויזן א נייעם וועג ווי אַזוי אויף אייביג צו פאַרענטפערן די אידנפראַגע, אַז עס איז גראָד יענע אַרבעט וואָס דער סאָוועטנפאַרבאַנד האַלט פאַר די אויגן ווען עס האַנדלט זיך וועגן די דאָרטיגע אידן. זיי וואָלטן אויך געווען געוואוסט, אַז מאַנכע פון די הויפּטגעדאַנקען מיט וועלכע דער היינטיגער אידישער נאַציאָנאַליזם פּאַראַדירט אַזוי שטאַרק זענען צו געפינען גראָד אין יענער „אַנטיסעמיטישער" אַרבעט פון מאַרקסן.

2.

קארל מארקס און „אנטיסעמיטיזם"

וואָס איז געווען, דאָס נייע וואָרט, וואָס מארקס האָט אריינגעטראָגן אין דער פראגע פון אנטיסעמיטיזם ?

עס איז שווער, כמעט אוממעגלעך, צו געבן א קורצן סך הכל פון יענער קאָמפּליצירטער און טיף פילאָזאָפישער ארבעט. פראנץ מערינג האָט דאָס פּרובירט דריי מאָל, אין דריי פארשידענע ביכער, איז עס יעדעס מאָל געווען אַביסל אנדערש, און, איך האָב מורא, ניט אינגאנצן געלונגען. דערפאר וועל איך פּרובירן דאָס צו טוען נאָר מיט אן אָנצוהערעניש, גאנץ פריי, אין דער האָפנונג, אז דער לעזער וועט האָבן איינזען, אויב איך וועל זיך אויסגליטשן אין דעם אָדער יענעם פונקט.

פאר אלעם אבער, כדי צו קריגן א בעסערע איינזיכט אין דעם גאנצן ענין, איז נויטיג צו דערקלערן, אז מארקס׳ ארבעט „צור יודנפראגע" איז געווען א געלעגנהייטס שריפט, ניט מער ווי א קריטישער איבערבליק אי-בער א ווערק פון ברונאָ באוער מיט דעמזעלבן נאָמען.

ברונאָ באוער, א פּראָמינענטער יונג-העגעליאנער פון יענער צייט, האָט פארעפנטלעכט א שריפט מיט דעם טיטל: „צור יודנפראגע". אין יענער שריפט האָט באוער זיך באשעפטיגט הויפּטזאכלעך מיט דער פראגע פון גלייכע בירגערעכט פאר אידן אין דייטשלאנד, אזוי ווי אבער ער איז געווען א „פילאָזאָף", האָט ער דערפון געמאכט אן אלגעמיינע פראגע, און ער איז געקומען צו דעם שלוס, אז די אידן, אזוי לאנג ווי זיי בלייבן אידן, קענען ניט דערוואַרטן עמאנציפּירט צו ווערן פון א קריסטלעכן שטאַט. ניט נאָר קענען די אידן ניט דערוואַרטן קיין עמאנציפּאציע פון אַ קריסטלעכן שטאַט, האָט באוער געטענהט, נאָר דער קריסטלעכער שטאַט איז גאָר ניט מסוגל צו עמאנציפּירן די אידן, אויב ער וויל בלייבן א קריסטלעכער שטאַט.

„דער קריסטלעכער שטאַט קען לויט זיין מהות דעם אידן ניט עמאנ-ציפּירן. דער איד ווידער קען לויט זיין מהות ניט עמאנציפּירט ווערן. אזוי לאנג ווי דער שטאַט איז קריסטלעך און דער איד איז אידיש זענען זיי ביידע גלייך אומפייאיג צו עמאנציפּירן אָדער עמאנציפּירט צו ווערן."

„ווער זאָל די אידן עמאנציפּירן", זאָגט באוער, „אז מיר אליין זע-נען ניט עמאנציפּירט ? ווי אזוי קענען מיר אייך באפרייען, אז אין דייטש-לאנד איז קיינער ניט פריי ? ? מיר מוזן פריער זיך אליין עמאנציפּירן איידער מיר קענען אייך באפרייען".

וואָס זאָל מען טוען? באוערס עצה איז אז די אידן זאָלן ווערן אוים אידן און די קריסטן זאָלן ווערן אוים קריסטן. אנדערש איז קיין עמאַנציפּאַציע ניט מעגלעך.

פאָלג מיך א גאנג!

און זאָל מען ניט מיינען, אז באוער איז געווען אן אנטיסעמיט. לחלוטין ניט, דאָס איז געווען זיין פילאָזאָפישער צוגאנג צו דער פראַגע. די דייטשע פילאָזאָפיע, א טייל פון איר יעדנפאלס, איז אלעמאָל געווען אביסל צוגעסמאליעט פון אנטיסעמיטיזם.

די שריפט פון ברונאָ באוער האָט געמאכט א גרויסן רושם צווישן די געבילדעטע דייטשע אידן. דאָס איז געווען אקוראט אין דער צייט ווען די רעפאָרם באוועגונג ביי די אידן אין דייטשלאנד האָט זיך נאָר וואס אָנגעהויבן צו אנטוויקלען. דורך דער רעפאָרם באוועגונג האָבן די דייטשע אידן דערוואַרט זיך צו דערשלאָגן צו גלייכע בירגער רעכט.

ווי באוואוסט באשטייט דער תוך פון דעם רעפאָרמירטן אידנטום אין דעם, אז דאָס אידנטום איז ניט קיין פאָלק נאָר א רעליגיעזע געמיינדע. די אידן פון דער גאנצער וועלט זענען לויט דער טעאָריע פארבונדן צווישן זיך נאָר דורך דער רעליגיע, זיי זענען גלויבנס-גענאָסן. א חוץ דעם האָבן זיי קיין שייכות ניט צווישן זיך. די אידן קענען דערפאר זיין גוטע דייטשן אין דייטשלאנד, גוטע פראנצויזן אין פראנקרייך, א. א. וו., לויט דעם לאנד אין וועלכן זיי לעבן, און בלייבן אידן לויט זייער רעליגיע.

דיזאָזיגע פילאָזאָפיע, ווי ס'איז לייכט צו זען, איז געווען צוגעשניטן צו דעם פארלאנג, און צו דער האָפענונג, פון די דייטשע אידן צו געווינען בירגערלעכע פרייהייטן און צו דערזעלביגער צייט זיך צו דערהאלטן ביי דער אידישער רעליגיע. „ניט בירגערלעכע עמאנציפּאַציע דורך דער עמאנציפּאַציע פון אידנטום, נאָר א אידנטום וואָס זאָל ארויסרופן רעספּעקט פון אינעווייניג און פון אויסנווייניג“, דאָס איז געווען די פאָדערונג פון דעם בארימטן גבריאל ריעסער, און ער איז ניט געווען דער איינציגער אין דער פאָדערונג. און דאָ קומט מיט אמאָל א פילאָזאָפיש געשולטער מענש, א מענש מיט א גרויסער רעפּוטאַציע, מיט א גלענצנדן סטיל, מיט א געשיקטער פעדער און לייקנט אינגאנצן די מעגלעכקייט פון אידישער עמאנציפּאַציע, אויב די אידן ווילן דווקא בלייבן אידן. רעפאָרם, הייסט דאָס, וועט דאָ גאָר ניט העלפן. ער גייט נאָך ווייטער, ברונא באוער, ער באהויפּטעט, אז אויפן בעסטן אופן זענען די קריסטן מער פייאיג צו ווערן עמאנציפּירט איידער די אידן. די קריסטן וועלן דארפן גובר זיין נאָר איין רעליגיע, די קריסטלעכע, בעת די אידן וועלן מוזן בייקומען צוויי רעליגיעס, די אידישע און די קריסטלעכע.

מען קען זיך קוים פאָרשטעלן די מהומה וואס באוערס ארבעט האָט ארייַנגעטראָגן אין די רייען פון די דייטשע אידן. הויפּטזעכלאך צווישן דעם רעפאָרם אידנטום. אייניגע האָבן אָנגענומען באוערס עצה און האָבן זיך אָפּגעווענדט פון אידנטום — פון אידנטום אבער ניט פון קריסטנטום. פון דער אנדערער זייט אבער האָט זיך אָנגעהויבן א שאַרפע פאָלעמיק

קייגן ברונאָ באוער, דער שוין דערמאָנטער גבריאל ריעסער, דער ניט ווייניגער בארימטער לודוויג פיליפזאָן און א סך אנדערע ווי גייגער און צונץ, האָבן זיך באטייליגט אין דער דעבאטע מיט גרויס געשיקטקייט און גערערזאמקייט. אלע האָבן זיי, נאטירלעך, זיך גערדרייט, פונקט ווי באָוער, ארום דעם פונקט, צי קען דער איד, בלייבנדיג א איד, קריגן גלייכע ביר-גער רעכט, און צי קען דער קריסטלעכער שטאט געבן רעכט צו אידן און בלייבן א קריסטלעכער שטאט.

ביי דעם פונקט האָט זיך אריינגעמישט דער 25 יעריגער קארל מארקס.

איך וועל פרובירן אויסשטעלן מארקס׳ געדאנקענגאנג אין א נומע-רישער רייע:

1) קודם כל, זאָגט מארקס, „איז דאָ ניט די פראגע ווער זאל וועמען עמאנציפירן און ווער עס איז מער פייאיג עמאנציפירט צו ווערן, נאָר פון וואָסער מין עמאנציפאציע עס רעדט זיך. באוערס חסרון באשטייט אין דעם, זאָגט מארקס, „וואָס ער קריטיקירט נאָר דעם קריסטלעכן שטאט, ניט דעם שטאט בכלל, און וואס ער אונטערזוכט ניט די שייכות פון פאָ-ליטישער עמאנציפאציע צו דער מענשלעכער עמאנציפאציע.“

2) מען מוז מאכן א חילוק צווישן דידאָזיגע צוויי מינים עמאנצי-פאציעס.

„אוואדע איז די פאָליטישע עמאנציפאציע א גרויסער פאָרטשריט... זי איז די לעצטע פאָרם פון מענשלעכער עמאנציפאציע אין דער ביז איצ-טיגער וועלט אָרדנונג, אָבער זי איז ניט די אמתע מענשלעכע עמאנצי-פאציע.“

עס זענען פאראן שטאטן, זאָגט מארקס, וואו אידן און קריסטן זענען פולשטענדיג עמאנציפירט פאָליטיש, אבער זיי האבן ניט קיין מענשלעכע עמאנציפאציע, איז דאָך א סימן אז עס זענען פאראן צוויי מינים עמאנ-ציפאציעס. דערפאר, ווער עס נעמט אונטערזוכן די פראגע פון אידישע גלייכבארעכטיגונג און לאָזט ארויס פון אויג אָט דעם פונקט, דער וועט קיינמאָל ניט קומען צו קיין ריכטיגער תשובה אויף זיין פראגע. דאָס איז עס וואס עס האָט געטראָפן מיט באוערן: ווייל ער שטעלט ניט די פראגע ריכטיג, פאלט ער אריין פון איין סתירה אין אנאנדערער און ער קומט קיינמאָל ניט אויף דעם ריכטיגן פונקט.

3) די פראגע האָט מיט רעליגיע גאָר ניט צו טוען.

„ווען באוער פרעגט די אידן: האָט איר פון אייער שטאנדפונקט דאָס רעכט צו באגערן פאָליטישע עמאנציפאציע? פרעגן מיר אים פאר-קערט: האָט דער שטאנדפונקט פון פאָליטישער עמאנציפאציע דאָס רעכט צו פארלאנגען פון די אידן זיי זאָלן אויפגעבן זייער רעליגיע? אָדער, פון דעם מענשן ער זאל אויפגעבן זיין רעליגיע?“

4) די אידנפראגע נעמט אָן אנאנדער צורה אין יעדן לאנד אין וועלכער דער איד געפינט זיך: אין דייטשלאנד איז דאָס א ריין טעאָ-

לאָגישע פראַגע; אין פראַנקרייך איז דאָס אַ קאָנסטיטוציאָנעלע פראַגע. ערשט אין דעם הויך אַנטוויקלטן, מאָדערנעם בורזשואַזן שטאַט, ווי למשל אין מאַנכע נאָרד אַמעריקאַנישע שטאַטן, געפינט די פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע איר העכסטן אויסדרוק. ערשט דאָרט ווערט די אידנפראַגע אַ ריין וועלטלעכע פראַגע.

5) קומען מיר אַבער אין יענעם שטאַט, מוזן מיר אַרויסלאָזן די רעליגיע אינגאַנצן פון אונזער חשבון. דער הויך אַנטוויקעלטער, בורזשואַזער שטאַט מישט זיך לחלוטין ניט אין דער פראַגע פון רעליגיע, עס איז ניט זיין דאגה אין וואָסער רעליגיע דער איד, אָדער דער קריסט, גלויבט, צי ער האָט איבערהויפּט אַ רעליגיע, דער שטאַט האָט עמאַנציפּירט דעם אידן, ווייל ער האָט ניט געקענט אַנדערש, אויב ער האָט געוואָלט פאַרבלייבן אַ בורזשואַזער שטאַט. „די בירגערלעכע פרייחייט איז די באַזע פון יעדן הויך אַנטוויקעלטן, מאָדערנעם שטאַט, פּונקט ווי שקלאַפעריי איז געווען די באַזע פון דעם קלאַסישן שטאַט פון דעם אַלטערטום.“

פון דער צווייטער זייט באַווייזט דאָס, אַז דער מאָדערנער שטאַט קען זיך גאַנץ גוט וואוינען אין שכנות מיט דער רעליגיע.

אין יענע נאָרד אַמעריקאַנישע שטאַטן, למשל, האָט דער שטאַט לגמרי אָפּגעשאַפט רעליגיע און פריוואַט אייגנטום בנוגע די אייגענע שייכות צווישן זיך און דעם בירגער. דער שטאַט פרעגט ניט קיינעם צו וועלכער רעליגיע ער באַלאַנגט, אָדער וויפיל אייגנטום ער פאַרמאָגט צו קענען זיין אַ בירגער פון דעם שטאַט. אין דעם שייכות צווישן דעם שטאַט און דעם איינצעלנעם בירגער זענען רעליגיע און פריוואַט אייגנטום אינגאַנצן אָפּגעשאַפט. זענען דידאָזיגע זאַכן טאַקע אויף אַן אמתן אָפּגעשאַפט אין דעםווירקלעכן לעבן? אין דער שייכות צווישן מענש און מענש? לחלוטין ניט. עס איז פאַרקערט: דידאָזיגע זאַכן ווערן איצט באַטראַכט אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעך. די פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע באַפרייט ניט דעם מענש פון רעליגיע, זי גיט אים נאָר רעליגיעזע פרייהייט; זי באַפרייט אים ניט פון פריוואַט אייגנטום, זי גיט אים נאָר די פרייהייט פון אייגנטום; זי באַפרייט אים ניט פון דעם שמוציגן האַנדל, זי גיט אים נאָר די פרייהייט צו האַנדלען.

6) ווען מען באַטראַכט ריכטיג די פּאָליטישע פרייהייט געפינט מען גלייך אויס, אַז זי באַשטייט אייגנטלעך אין דעם וואָס דער שטאַט האָט נאָר זיך באַפרייט פון רעליגיע.

דער שטאַט האָט נאָר זיך באַפרייט פון רעליגיע, אָבער ניט דעם מענשן, ניט דעם יחיד און ניט דעם כלל. מען קען דערפאַר הערן אומעטום אין אַמעריקע, אַז דער וואָס גלויבט ניט אין רעליגיע, קען ניט זיין קיין אַנשטענדיגער מענש. אונטער פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע איז דער מענש נאָך ווייט ניט באַפרייט, ניט פון רעליגיע און ניט פון פריוואַט אייגנטום. דער שטאַט, אפילו דער העכסט מאָדערנער שטאַט, פאַרטראָגט זיך גאַנץ גוט מיט רעליגיע, אַבי נאָר ער האָט זיך אַליין באַפרייט פון דער רעליגיע, ווייטער אינטערעסירט ער זיך ניט מיט איר.

„מיר זאָגן אלזאָ ניט ווי באוער דעם אידן: איר קענט ניט פּאָליטיש עמאנציפּירט ווערן ביז איר עמאנציפּירט אייך ניט ראדיקאל פון אידנטום; מיר זאָגן זיי פיל מער: ווייל איר קענט ווערן עמאנציפּירט פּאָליטיש און איר דארפט זיך ניט פולשטענדיג לויז מאכן פון דעם אידנטום צוליב דעם, איז דאָס א סימן אז די פּאָליטישע עמאנציפּאַציע איז ניט די מענשלעכע עמאנציפּאַציע. ווען איר אידן ווילט ווערן פּאָליטיש עמאנציפּירט און ניט מענשלעך, ליגט די האלבקייט און די סתירה ניט נאָר אין אייך, זי ליגט אין דעם תוך און דער קאטעגאָריע פון דער פּאָליטישער עמאנציפּאַציע.“

7) אוואדע איז די אידנפראגע אויך א רעליגיעזע פראגע. מארקס לייקענט דאָס ניט, אבער דאָס האָט, ערשטנס, גאָר ניט צו טוען מיט דעם אידנס רעכט אלס א בירגער, און, צווייטענס, „לאָמיר ניט זוכן דאָס געהיימניש פון דעם אידן אין זיין רעליגיע, נייערט לאָמיר זוכן דאָס געהיימניש פון דער רעליגיע אין דעםווירקלעכן אידן.“ אַחוץ דעם, זאָגט מארקס, ווען מען רעדט פון דער אידנפראגע, דארף מען ניט כסדר רעדן פון דעם שבת אידן. די אידישע רעליגיע, ווי רעליגיע בכלל, איז ניט מער ווי אן אָפּשפּיגלונג, א רעפלעקסיע, פון דעם ווירקלעכן, לעבעדיגן אידן. „מען דארף ניט דערקלערן דעם ווירקלעכן אידן דורך דער אידישער רעליגיע, נאָר פארקערט, מען דארף דערקלערן די אידישע רעליגיע דורך דעם ווירקלעכן, לעבעדיגן אידן“. דאָס אידנטום, זאָגט מארקס ווייטער, „איז ניט קיין אבסטראקטע אידעע... וואס איז גאנץ פרעמד דעם סאָציאלן און היסטאָרישן לעבן, און בלייבט אלעמאָל דאָסזעלביגע אידנטום“, דאָס איז דורך און דורך א פאלשע אידעע. “דאָס אידנטום האָט זיך דערהאלטן ניט להכעיס צו דער געשיכטע, נאָר צוזאמען מיט דער געשיכטע... דאָס אידנטום איז א פּראָדוקט פון דער געשיכטע, וואס עס האָט אליין מיטגעהאָלפן אין דער באשאפונג“... דאָס ווירקלעכע, וועלטלעכע אידנטום, און דארום אויך דאָס רעליגיעזע אידנטום, ווערט כסדר געשאפן פון דעם היינטיגן בירגערלעכן לעבן, און געפינט זיין לעצטע אויסבילדונג אין דעם געלד סיסטעם... און דידאָזיגע אנטוויקלונג איז צו געפינען אין דער קאָמערציעלער און אינדוסטריעלער פּראקטיק“. אָבער דידאָזיגע טעטיקייט איז ניט מער אויסשליסלעך קיין אידישע. די ניט אידישע בורזשואַזיע האָט דאָס איבערגענומען אין אירע אייגענע הענד און זי באטרייבט דאָס א סך בעסער ווי די אידן. דאָס קריסטנטום איז געוואָרן אידנטום.

8) מארקס קומט דערפאר צום שלום, אז די אויפגאבע באַשטייט אין דעם „אַרויסצוהייבן דאָס אידנטום פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, פון דער אוממענשלעכקייט פון דער היינטיגער לעבנספּראקטיק, וואָס שפּיצט זיך צו אין דעם געלד סיסטעם”... און דאָס איז די אויפגאבע ניט פון דעם אידן אליין, נאָר די פּראקטישע אויפגאבע פון דער היינטיגער וועלט. „וועלכעס איז דער וועלטלעכער גרונד פון אידנטום? דאָס פּראקטישע באַדערפעניש, דער אייגננוץ. וועלכעס איז דער קולטוס פון די אידן? דער שאכער. וועלכעס איז זיין וועלטלעכער גאָט? דאָס געלט. נו גוט! די עמאנציפּאַציע פון שאכער און פון געלט, דאָס הייסט

פון דעם פּראַקטישן, רעאַלן אידנטום וואָלט געווען די זעלבסטעמאַנצי-פּאַציע פון אונזער צייט." מיט אנדערע ווערטער: די אָפּשאַפונג פון אנטיסעמיטיזם איז ניט קיין פראַגע פון אידנטום קייגן קריסטנטום, און עס איז ניט קיין פראַגע פון קריסט קייגן איד, אָדער איד קייגן קריסט, עס איז אַ פראַגע פון קריסט און איד צוזאַמען קייגן אוממענטשלעכע באַ-דינגונגען פון לעבן; עס איז אַ פראַגע פון דעם, אַז קריסט און איד צו-זאַמען זאָלן זוכן צו קעמפן קייגן קריסטנטום און קייגן אידנטום — ד. ה. קייגן עקספּלואַטאַציע, צי זי קומט מצד אידן אָדער מצד קריסטן — כדי אָפּצושאַפן די צושטאַנדן וואָס מאַכן פון דעם לעבן אַ יאָמערטאָל.

רעדוצירנדיק דעם געדאַנקענגאַנג נאָך ווייטער צו אונזער היינטיקן לשון, הייסט דאָס אזוי:

1) עס איז געווען קאַרל מאַרקס וואָס האָט דער ערשטער געלאָזן פאַלן דעם געדאַנק, אַז דאָס אידנטום איז ניט קיין רעליגיעזע געמיינדע, נאָר אַ סאָציאַלער קיבוץ וואָס האָט זיך „דערהאַלטן און אנטוויקלט דורך דער געשיכטע און צוזאַמען מיט דער געשיכטע אויף אַן עקאָנאָמישן באָדן".

2) די געשיכטלעכע ראָלע פון דעם אידנטום, ביז אויף היינטיקן טאָג, האָט זיך אויסגעדריקט אין דער קאָמערציעלער און אינדוסטריעלער פּראַקטיק פון דעם אידן;

3) מיט דער אנטוויקלונג פון דער בורזשואַזיע ווערט אָט די פי-נאַנציעלע און קאָמערציעלע פונקציע אַלץ מער איבערגענומען פון דער אידישער בורזשואַזיע. „דאָס קריסטנטום" ווערט „אידנטום".

4) דערפאַר דאַרף דער איד און דער קריסט צוזאַמען זיך באַ-פרייען פון אידנטום און פון קריסטנטום, ד. ה. פון דער גאַנצער בור-זשואַזער אָרדנונג, "וואָס שפּיצט זיך צו אין דעם געלד סיסטעם". אַנ-דערש וועט צום אנטיסעמיטיזם ניט קומען קיין סוף.

דאָס איז געווען די נייע אידעע, וואָס מאַרקס האָט דער ערשטער אריינגעטראָגן אין דער פראַגע. דאָס איז געווען דער אָנהייב — נאָר דער אָנהייב — פון דעם סאָציאַליסטישן צוגאַנג צו דער פראַגע פון אנטיסעמיטיזם.

אמת, יענע יוגנטלעכע ארבעט פון מאַרקסן איז ניט לייכט צוגענגלעך צו יעדן לייענער. זי איז ניט אזוי קלאָר און שאַרף ווי מיר זענען דאָס געוואוינט צו לייענען פון מאַרקס׳ פעדער; די געדאַנקען גופא זענען דאָרט נאָך ניט אזוי בולט אויסגעדריקט ווי מיר קענען זיי היינט, אבער מען מוז נעדענקען עטלעכע זאַכן. מען מוז האַלטן אין זינען, אַז יענע ארבעט איז געווען געשריבן אין דעם יאָר 1843, ווען מאַרקס איז געווען ניט מער ווי 25 יאָר אַלט, פינף יאָר פאַר דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", איין און צוואַנציג יאָר פאַר דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, און זעקס און צוואַנציג יאָר איידער עס איז דערשינען דער ערשטער באַנד „קאַפּיטאַל". דאָס איז געווען יענע צייט ווען מאַרקס האָט נאָך „העגעליזירט" ד. ה. ווען ער האָט נאָך געפלירטעוועט מיט העגעלס שווער פילאָזאָפישן סטיל,

ווי מארקס אליין דערציילט אונז; דער סאָציאַליזם, ווי מיר קענען אים היינט, האָט ערשט געמוזט באַשאַפן ווערן, טאַקע פון מארקסן אליין — צוזאַמען מיט ענגעלסן; די קלאַסנקאַמף אידעע איז נאָך ניט געווען אויסגעאַרבעט; קיין טרייד יוניאָנס, א חוץ אין ענגלאַנד, זענען נאָך ניט געווען; פון קיין סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט מען נאָך ניט געוואוסט; די פראַגע פון נאַציאָנאַליטעט, אָדער אינטערנאַציאָנאַליטעט, ווי מען הערט דאָס היינט, איז נאָך ניט געווען אויפן טאָגאָרדענונג — ניט אין אייראָפּע און אַוואַדע ניט ביי די אידן. מארקס, אמת, האָט ניט געהאַלטן פון א אידישער נאַציע, ער האָט דאָס גערופן א כימערישע נאַציאָנאַליטעט, וואס דאָס מיינט אן איינגערעדט, א פאַנטאַסטישע נאַציע, אָבער ער האָט דאָס געקענט טאָן אפילו ווען ער וואָלט געווען א שטרענג אָרטאָדאָקסישער איד. דאָס גאַנצע אידנטום — דאָס אָרטאָדאָקסישע ווי דאָס רעפאָרמאַטאָרישע — אין מזרח ווי אין מערב אייראָפּע — האָט זיך דעמאָלט באַטראַכט הויפּטזאַכלעך ווי א רעליגיעזע געמיינדע, און ניט ווי א נאַציע. אין מזרח אייראָפּע האָבן אידן גערעדט אידיש, אָבער אז פון אידיש וועט ווערן „אידישיזם", און אז אידישיזם וועט ארויסציִען אספּיראַציעס צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער אידישער רעליגיע — פון דעם האָט נאָך קיינער ניט געחלומט; עס איז צו יענער צייט נאָך ניט געווען קיין זכר פון א ציוניסטישער באַוועגונג, אָדער פון וועלכער עס איז אַנדערע אידישע פּאָלקסבאַוועגונג; אין א נאַציאָנאַלן זין. — האַלט מען דאָס אַלץ אין אויג, קען מען לייכט איינזען ווי נאַריש עס איז צו פאָדערן פון מארקסן פאַר וואס ער האָט ניט רעאַגירט אויף די אַלע פראַגן, אין דעם לשון פון די היינטיגע נאַציאָנאַליסטן. דערפאַר רעדט נאָך מארקס אין יענער אַרבעט פון פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע קיגן מענשלעכער עמאַנציפּאַציע. מארקס איז מער ניט צוריקגעקומען צו דער אידנפראַגע, זיכער אָבער איז, אז ווען ער וואָלט דאָס געווען געטאָן אין די שפּעטערע יאָרן פון זיין טעטיקייט, וואָלט ער מער ניט געווען גערעדט פון פּאָליטישע רעכט קיגן אַלגעמיינע מענשלעכע רעכט, וואָרעם עס איז מארקס וואָס לייקנט אָפּ די „אַלגעמיינע" מענשלעכקייט.

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, יענע יוגנד־אַרבעט פון מארקסן, האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם ארויסגעבראַכט די אידעע, אז מען קען דאָס אידנטום ניט רעדוצירן צו א רעליגיעזער געמיינדע, אז דאָס מוז גיכער באַטראַכט ווערן פון א סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, אריינגעפּאַסט אין די עקאָנאָמישע ראַמען פון די פאַרשידענע פּעריאָדן; אז דער קריסט און דער איד מוזן זיך צוזאַמען עמאַנציפּירן, און אז דאָס וועט געשען נאָר דעמאָלט, און ניט פריער, ווען ביידע, דער איד און דער קריסט, וועלן ווערן באַפרייט פון די אוממענשלעכע, קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען פון לעבן.

עס האָט געדויערט א שטיק צייט ביז דער געדאַנק איז באַקאַנט געוואָרן צווישן אידן, אָבער אזוי שנעל ווי דאָס האָט ביסלעכווייז אריינגעדרונגען אין זייער באַוואוסטזיין, האָבן א סך אידן, הויפּטזאַכלעך רעוואָלוציאָנערע אידן, זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם געדאַנק און האָבן זיך געהאַלטן דערביי אונטער אַלע אומשטענדן, ביז אויף היינטיגן טאָג.

3.

אידישער סאָציאַליזם און אסימילאַציע.

עס טראָגט זיך ארום א גלויבן, און אונזערע פּראָפעסיאָנעלע נאַציאָנאַליסטן צעבלאָזן דאָס מיט זייער גאנצער קראפט, אז דער אידישער סאָציאַליזם אין אמעריקע איז אין אָנהויב געווען ווילד קאָסמאָפּאָליטיש, וואָס האָט אינגאנצן פארלייקענט די עקזיסטענץ פון דעם אידישן פאָלק, און האָט זיך רק געריסן צו פולשטענדיגער אסימילאַציע.

דאָס איז ניט אמת. דאָס איז נאָר נאָך איינע פון די אָן א שיעור לעגענדעס, וואס די שפּעטערע איינוואנדערונג האָט ליב, איך וויים ניט פאר וואס, צו פארשפּרייטן קיינגן די וואס האָבן געלייגט דעם פונדאמענט פון דעם גרעסטן און פארבנרייכסטן אידישן ישוב אין דער וועלט. עס זענען געווען, אמת, שטרעמונגען וואס האבן געזוכט זיך אָפּצוטרייסלען פון א סך פון די אלטע אידישע מנהגים, ווי עס טרעפט געוויינלעך אין אזעלכע פאלן און ווי עס איז נאָר צו נאַטירלעך פאר מענשן, וואס זענען דאָס גאנצע לעבן געווען איינגעשנורעוועט און געפּענטעט פון דער רעליגיע און וואס זענען מיט אמאָל באפרייט געוואָרן פון דעם שווערן דרוק. די דעמאָלדיגע אנארכיסטן האָבן זיך מייסטענס אויסגעצייכנט אין דער הינזיכט. אבער דידאָזיגע קיינערשאפט איז געווען געצילט, אפילו ביי די אנארכיסטן, מער קיינן דער אידישער רעליגיע איידער קיינן דער אידישער נאציאָנאַליטעט. עס איז שווין א מאָדע אזא ביי אונזערע אידן, מיר פארמישן די אידישע רעליגיע מיט דער אידישער נאציאָנאַליטעט. „ישראל ואוריתא חד הוא“ (די אידן און די תורה זיינען איינס). דערפאר ווען מיר זעען איינעם, אָדער א גרופּע, ספּעציעל א גרופּע, וואס זוכט אריינצוטראָגן ענדערונג אין דעם רעליגיעזן לעבן, פארשרייען מיר דעם איינעם, אָדער די גרופּע, אלס אָפּטרינניגע פון דעם אידישן פאָלק. ביזט אן אפּיקורס? ביזטו ניט קיין איד. פון דעם נעמט זיך דאָס די אידעע, אז די ערשטע אידישע סאָציאַליסטן אין אמעריקע האָבן געוואָלט אנטלויפן פון אידנטום.

דער אמת איז פונקט פארקערט: פון זיין סאמע אָנהייב אָן, איז דער סאָציאַליזם ביי אידן באטראכט געוואָרן אלס די בעסטע רפואה קיינן דעם סם פון אנטיסעמיטיזם.

אין די אכציגער יאָרן פון דעם לעצטן יארהונדערט, ווען די גרויסע עמיגראציע האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן נאָך גאנץ ווייניגע אידן געהאָט געהערט פון סאָציאַליזם, און די וואס האָבן דאָס געהערט, האָבן קוים פארשטאַנען דעם באטייט דערפון. ערשט דאָ אין אמעריקע האָט דאָס וואָרט „סאָציאַליזם“ אָנגעהויבן אריינצודרינגען אלץ ווייטער און ווייטער אין דעם באוואוסטזיין פון גרעסערע אידישן מאסן, און פון דער ערשטער מינוט אָן, איז דער סאָציאַליזם ביי אונז דאָ באטראכט געוואָרן אלס דאָס

איינציגעווירקזאמע מיטל קייגן אנטיסעמיטיזם. איך מאך דידאָזיגע באַהויפּטונג אָן שום רעזערוואַציעס, און איך רעד פון פערזענלעכע דער־פאַרונג. איך האָב מיטגעמאַכט דידאָזיגע באַוועגונג כּמעט, כמעט פון אָנהויב אָן. זאָל מיר דערלויבט זיין צו ציטירן עטלעכע פּאַראַגראַפן פון מיינס אן איינגענער ארבעט, וואס איז דערשינען אין דעם ווילנער „פּנקס" פון דעם יאָר 1913, אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער, אונטער דער אויפשריפט: „צוואַנציג יאָר צוקונפט".*)

דאָרט שרייבט זיך צווישן אנדערע זאַכן:

„דער סאָציאַליזם פאַר אידן האָט באַטייט מער ווי פאַר ניט אידן. ער האָט באַטייט ערשטענס, א באַפרייאונג פון שווערער לאַסט און דלות. ער האָט דעם נאָר וואס געוואָרענעם פּראָלעטאַריער געלערנט ווי זיך צו אָרגאַניזירן און צו שטרייטן פאַר זיין עקאָנאָמישע רעכט... אָבער דער סאָציאַליזם האָט דעם אידן צוגעזאָגט צו געבן פיל מער ווי דאָס. דער סאָציאַליזם האָט אָנגערירט דעם סאַמע אָנגעווייטיגטסטן פּונקט פון זיין גאַנצער עקזיסטענץ. ער האָט אים געוויזן די מעגלעכקייט זיך צו באַ־פרייען פון דער אייביגער מכּה פון אנטיסעמיטיזם... אין דעם סאָציאַ־ליזם האָט דער אידישער אימיגראַנט געפונען א צווייפאַכע רפואה פאַר א צווייפאַכער מכּה: ער וועט אים באַפרייען אלס אַרבעטער, ער וועט אים אויסלייזן אלס איד. דאָס אָנגעווייטאָגטע האַרץ האָט זיך געעפנט, און די גאַנצע גייסטיגע ענערגיע, וואָס האָט געטליעט פון דורות און דורות און האָט ניט געקענט געפינען קיין אויסוועג, האָט מיט אמאָל אויסגע־בראָכן אין א פלאַם פייער און האָט ארומגעכאַפּט אלע וועלכע האָבן זיך דערוועגט צוצוגיין נענטער.

ברידער, מיר טראָגן א דריפאַכע קייט —
אלס אידן, אלס שקלאַפן, אלס דענקער;
מיר ווערן געיאָגט און געמאַטערט צום טויט
פון אַנטיסעמיטן און הענקער.

אזוי האָט געזונגען דוד עדעלשטאַט, און האָט אין זיין איינפאַכן און אויפריכטיגן אופן געגעבן אויסגעדריקט די געדאַנקען און די געפילן פון דער גרויסער צאָל אידישע אימיגראַנטן, און כמעט אלע זענען זיי געוואָרן סאָציאַליסטן".

דאָס זעלבע איז געשען ניט נאָר אין אַמעריקע מיט איר מאַסנאַי־מיגראַציע. אין אלע אַנדערע לענדער וואו אידן האָבן זיך צוגענייגט צום סאָציאַליזם, באַגעגענען מיר דיזעלביגע דערשיינונג. אויך דער „בונד", וואָס איז געקומען צום סאָציאַליזם אביסל שפּעטער פון אונז דאָ, איז גע־שטאַנען אויף דעמזעלבן שטאַנדפּונקט. דער „בונד" האָט נאָך געהאַט א פּראָגראַם פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָס האָט זיך ניט אריינגע־פּאַסט אין אונזערע באַדינגונגען דאָ.

*) איבערגעדרוקט אין „אידישע פּראָבלעמען" — פון יעקב מילך. 1920 — צווייטער באַנד.

דער אידישער נאַראָדאָוואָלעץ ל. זאַלקינד, געשטאָרבן אין דעם יאָר 1899, דערציילט אין זיינע מעמוארן א זייער אינטערעסאנטן פאקט וועגן דעם אידישן רעוואָלוציאָנער קאהאַן-בערנשטיין, וועלכער איז פארמשפּט געוואָרן צום טויט אין דעם יאָר 1889, בעת דער טרויעריג בארימטער יאקוטסקער טראַגעדיע: פאר דעם אויספיר פון דעם אורטייל, האָט קאַהאן-בערנשטיין געלאָזט קומען צו זיך דעם רב און אים אָפּגעגעבן פאָלגענדע דערקלערונג:

„איך בין ניט רעליגיעז און איך ווענד זיך צו אייך נישט ווי צו א רעליגיעזער פּערזענלעכקייט, אָבער איר אלס רב זענט דאָך גלייכצייטיג דער פארטרעטער פון אידישן כלל, און ווי צו אזעלכן ווענד איך זיך צו אייך מיט דער בקשה איבערצוגעבן מיינע פאָלקס ברידער, זיי זאלן ניט מיינען, אז איך, אַרבעטענדיג מיין גאנץ לעבן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּארטיי, האָב איך איגנאָנצן פארגעסן מיין פאָלק. איך האָב געארבעט פאר דער עלנטער, באַוווּלטער אידישער מאַסע, און איר גורל איז ענג פארבונדן מיטן גורל פון אלע פעלקער, וואס לעבן אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאנד, און אז די באפרייאונג פון אידישן פאָלק פון פּאָליטישן דרוק איז מעגלעך צוזאמען מיט דער באפרייאונג פון גאַנץ רוסלאנד‟*).

מיר זען פון דעם, אז שוין אין דעם יאָר 1889, פון זיין סאמע אָנהויב, אין זיין סאמע תוך, איז דער סאָציאליזם ביי אידן, אין אלע זיינע שאטירונגען, געווען ענג פארבונדן מיט דער אידעע, און מיט דער האָפנונג, אז צעזאמען מיט אלע אנדערע אומגעהייערן פון קאפּיטאליזם, וועט דער סאָציאליזם אויך מאכן א סוף צו דעם טויזנט מאָל פארשאָלטענעם אנטיסעמיטיזם.

אינטערעסאנט ביז גאָר איז דער פאקט, אז משה העס, דער מחבר פון „רוים און ירושלים‟, וואס האָט אין זיינע יונגע יאָרן מיטגעארבעט מיט מארקסן, הגם ער האָט אים קיינמאָל ניט פארשטאַנען, האָט א קורצע צייט פאר זיין טויט (ער איז געשטאָרבן אין 1875), דרייסיג יאָר נאָך דעם ווי מארקס' ארבעט „צור יודנפראגע‟ איז דערשינען, פארעפנטלעכט אַן ארטיקל אין גרעץ'ס מאָנאטשריפט, וואו ער ווענדעט זיך מיט אַן אויפרוף: צו די אידן... וואס איז מערקווירדיג דורך זיין רעוואָלוציאָנערן טאָן און אינהאַלט. העס רופט צו די אידן, דאָס זיי זאָלן זיך צוזאמען מיט די פּראָגרעסיווע פעלקער און פּארטייען אָנשליסן אָן די באוועגונג צו באגרינדן א נייע וועלט פון פרייהייט און סאָציאליזם‟. (דר. סירקין'ס איינלייטונג צו „רוים און ירושלים‟. זייט 59).

אבי עס זענען היינט דאָ ביי אונז אזעלכע וואס ווילן מאכן דעם איינדרוק, אז דאָס זענען געווען זיי וואס האָבן דערפונדן די אידעע פון צעזאמענאַרבעט מיט די קריסטן

---

*) א. מענעס אין דער ווארשעווער „נייע פאָלקסצייטונג‟, דעם 5טן נאָוועמבער, 1935.

און מיר, אידישע סאָציאַליסטן, זענען ניט געווען די איינציגע, וואָס האָבן אזוי געגלויבט. אלע אנדערע, די ניט אידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך געהאלטן ביי דעמזעלבינגן כלל. עס איז באקאנט דאָס גלייכווערטל פון די דייטשע סאָציאַליסטן: „דער אנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון די דומע יונגען“.

לאָמיך דאָ נאָך אמאָל ציטירן עטלעכע שטעלן פון דעם שוין דערמאָנטן ענגעלס׳ בריוו. עס איז כדאי אונזערע לעזער זאָלן דאָס וויסן.

ענגעלס שרייבט:

„...צו דעם דאַרף מען צולייגן, אז דער אנטיסעמיטיזם פעלשט די גאַנצע זאכלאגע. ער קען ניט די מענשן וועמען ער וויל ארונטעררייסן. אנדערש וואָלט ער דאָך געווען געוואוסט, אז אין ענגלאנד און אמעריקע, א דאנק די מזרח אייראָפּייאישע אנטיסעמיטן, און אין טערקיי, א דאנק דער שפּאנישער אינקוויזיציע, זענען דאָ טויזנטער און טויזנטער אידישע פּראָלעטאריער, און אז די אידישע ארבעטער זענען אין אמתן די מיסט עקספּלואטירטע און די אָרעמסטע פון אלע...“

„א חוץ דעם, זענען מיר שולדיג די אידן פיל, צו פיל. ניט צו רעדן פון היינע און בערנע, מארקס איז געווען פון דעם ריינסטן אידישן בלוט; לאסאל איז געווען א איד. פיל פון אונזערע בעסטע מענשן זענען אידן. מיין פריינט וויקטאָר אדלער, וואס זיצט גראָד אצינד אין תפיסה אין וויען פאר זיין איבערגעבנהייט צו דעם פּראָלעטאריאט; עדוואַרד בערנשטיין, רעדאקטאר פון דעם לאָנדאָנער „סאָציאַל דעמאָקראט“; פּאול זינגער, איינער פון אונזערע בעסטע מענשן אין רייכסטאג — אלץ מענשן מיט וועמעס פריינטשאפט איך בין שטאָלץ — זענען אלע אידן“.

דאָס איז געווען דער צוגאנג צום אנטיסעמיטיזם מצד אלע סאָציאַליסטן — אידן און ניט אידן. און, ווי מיר האָבן געזען, הייבט זיך דאָס אָן מיט מארקסן.

צי אלע פון אונז האָבן דאָס טאקע אזוי ריכטיג פארשטאַנען די לערן פון סאָציאַליזם — ניכער האָבן זיי דאָס ניט פארשטאַנען — איז ניט וויכטיג. די וויכטיקייט באשטייט אין דעם, וואָס די מייסטע פון אונז האָבן דאָס אָנגענומען מיט דעם גאנצן הארץ, און האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אז דער סאָציאַליזם איז די איינציגע רפואה פאר אנטיסעמיטיזם. נאָך מער: די מייסטע פון אונז האָבן געגלויבט, אז אָט, אָט און די צייט וועט קומען ווען דער סאָציאַליזם וועט זיין א ווירקלעכקייט.

יאָ, די אידעע פון סאָציאַליזם איז געווען די גרעסטע אידעע, וואָס האָט ווען עס איז באגייסטערט די אידישע מאסן מיט דער האָפנונג, אז די באפרייאונג פון אנטיסעמיטיזם איז נאָענט.

4.

נאַציזם און באָלשעוויזם.

לײדער, דאָס גײט ניט אַזױ לײכט! די געשיכטע איז ניט קײן מאַטעמאַטיקער, זי װײסט ניט פֿון דעם כּלל, אַז צװישן צװײ פּונקטן איז די גלײַכע ליניע די קירצסטע, זי קומט סוף כּל סוף פֿאָראױס, אָבער עס נעמט איר צײַט, װאָרעם זי באַנוצט זײער זעלטן, מען קען זאָגן קײנמאָל ניט, די גלײַכע ליניע. געװײנטלעך גײט זי אין זיגזאַגן, אַ שפּרונג פֿאָראױס, אַ שפּרונג צוריק, טײלמאָל צװײ שפּרונגען צוריק. אַנאַנדערש מאָל פֿאַרנעמט זי זיך גאָר אָן אַ זײַט, אַזױ אַז דאָס ניט געניטע אױג, און אַמאָל אַפֿילו דאָס געניטע אױג, פֿאַרלירט אינגאַנצן די ריכטונג. דעמאָלט איז אַ יאַרמאַרק פֿאַר די פֿאַלשע נביאים, דעמאָלט געברױכן זײ אַלע מיטל, װאָס די דעמאַגאָגיע פֿאַרמאָגט פֿון זײ אַזױ פֿיל, צו פֿירן די מענשן אױף דעם פֿאַרקערטן װעג, און דאָס געלינגט זײ געװײנלעך פֿאַר אַ צײַט, ביז — ביז די געשיכטע כאַפּט זיך, אַז זי איז פֿאַרקראָכן.

עטװאָס אַזעלכעס איז געשען בײַ אונדז, און די גרױסע האָפֿנונג אױף דער צװײפֿאַכער באַפֿרײַאונג איז כּמעט אינגאַנצן אױסגערונען. אין דער הױפּט זאַך זענען דאָס געװען צװײ פֿאַקטאָרן װאָס האָבן געפֿירט צו דעם. פֿאַר אַלעם איז דאָס געװען דער פֿאַקט װאָס די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע טעאָריעס װאָס זענען הײַנט, לײדער, אַזױ פּאָפּולער צו אונדזער גרױסן שאָדן, האָבן זיך גענומען פֿאַרשפּרײטן בײַ אונדז אַ סך פֿריער װי אַנדערשװאו. עס װעט אפֿשר קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, און אַ סך גוטע און פֿרומע לײַט װעלן דאָס אודאי באַשטרײַטן, אָבער דער פֿאַקט איז, אַז דער „טעאָרעטישער“ גערדרײ פֿון דעם דײַטשן נאַציזם, האָט זיך געהערט אין אונדזערע רײען אַ סך פֿריער אײדער עס איז אַנטשטאַנען דער דײַטשישער „נאַציאָנאַל סאָציאַליזם“.

קומענדיג קײן אַמעריקע, װי עס איז געװען דער פֿאַל מיט די מײסטע פֿון אונדז, בעירום ובחוסר כּול, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, נאָר װאָס זיך אַרױסגעכאַפּט פֿון דעם גהינום װאָס דאָס דעמאָלדיגע צאַריסטישע רוסלאַנד איז געװען, האָבן די מײסטע פֿון אונדז צום ערשטן מאָל געהערט דאָס װאָרט „סאָציאַליזם“ און דעם באַטײַט דערפֿון. די אידישע פֿאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט: אַ נײַע װעלט, מיט נײַע האָפֿנונג, מיט נײַע אַנזיכטן און מיט נײַע אױסזיכטן, האָט זיך געעפֿנט פֿאַר די דערשלאָגענע אידישע מאַסן, די מײסטע פֿון אונדז האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן די באַפֿרײַענדע אידעען, און כּמעט אַלע פֿון אונדז זענען געװאָרן סאָציאַליסטן.

אָבער דאָס האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. באַלד האָט זיך אָנגעהױבן אַ דיפֿערענציאַציע און אַ קלאַסנפֿאַרטײלונג, און די טעאָרעטישע באַגרינ-

דונג וואָס דאָס ברענגט מיט זיך*). דאָס לאַנד איז עקאָנאָמיש געווען מסוגל פאַר דעם; די פּאָליטישע באַדינגונגען ווי צוגעפּאַסט, און דער אידישער צושטאַנד און טעמפּעראַמענט ווי געבוירן פאַר דעם. א קליינע צאָל, די מער אוואַנטוריסטישע, האָט זיך גענומען שאַרן אין דער ריכטונג פון גרויס קאַפּיטאַליזם; די גרעסערע צאָל האָט פאַרנומען א פּאָזיציע צווישן דעם מיטלקלאַס, בעת די גרויסע מערהייט האָט פאַרנומען איר פּלאַץ אין דעם קלאַס פון דעם פּראָלעטאַריאַט. עס האָט אויך ניט געפעלט די קליינע צאָל, וואָס איז אַרונטערגעזונקען צו דער מדרגה פון דעם לומפּן-פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז דער קלאַס וואָס שטעלט צו די „שטאַרקע" און די גענגסטער אין דעם קלאַסנקאַמף. ווי עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן מיר אויך ניט פאַרפעלט אַרויסצוגעבן אונזער גרויסע צאָל אינטעליגענציע און — טעאָריעס. דער סוף איז געווען, אַז עטוואָס אַזעלכעס וואָס איז גאַנץ ענלעך צו דער פּסעוודאָ פילאָזאָפיע פון דעם נאַציאָנאַל סאָציאַליזם, וואָס איר צווייטער עק איז דער באַרבאַרישער היטלעריזם, ווערט ביי אונז געפּרעדיגט — פאַר אונזער מיטל קלאַס — מיט גרויס דערפּאָלג שוין איבער א פערטל יאָרהונדערט. אפילו דער גופא אויסדרוק: „נאַציאָנאַל סאָציאַליזם", אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז געוואָרן אויסגעשמידט אין אונזערע קוזניעס.

דאָס וואָס דאָרט באַציט זיך די פראַזע אויף „אַריאַניזם" און ביי אונז מיינט דאָס סעמיטיזם, דאָס ענדערט ניט דעם פאַקט אַז דער עצם געדאַנק איז דערזעלבער. די סאַמע פראַזע „נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם", ווי געזאָגט, און אַלע אַנדערע זאַכן וואָס הענגען אַרום דעם, ווי די קריטיק אויף דעם מאַרקסיזם, דאָס אָפּלאַכן פון ראַדיקאַליזם אַלס „ראַדיקאַלעכץ". דאָס זוכן די פּאָעטישע ווידערגעבורט פון דער רעליגיע — דאָס אַלץ אין א מילדערער פאָרם, נאַטירלעך, און אביסל מער ציוויליזירט, האָט מען געהערט ביי אונז אין ניו יאָרק שוין מיט 30 יאָר צוריק.

נאַטירלעך איז אונזער „נאַציזם" ניט אַזוי געפערלעך ווי עס איז דער אַרישער „נאַציזם". אונזער רעאַקציע האָט ניט דעם באָדן, ניט די מיטל, ניט די כוחות, ניט די אומגעבונג, ניט די נויטווענדיקייט און, אַלס אידן בני רחמנים, ניט די אכזריות, וואו און אויף וועמען אויסצונוצן די ברכות פון דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער טעאָריע, הגם די חורבות, וואָס די כלומרשטע פילאָזאָפיע האָט אָנגעמאַכט אין די מוחות פון אונזער אַזויגערופענער אינטעליגענץ, זענען ניט ווייניגער, אפשר מער, שעדלעך ווי עס איז דער פיזישער שאָדן וואָס דער אַרישער פאַשיזם האָט אונז אָנגעטאָן. אגב, דאָרט וואו די מיטל זענען פאַראַן, אפילו נאָר טיילווייז, ווי למשל אין ארץ ישראל, טוט אונזער „נאַציזם" אָן ניט ווייניגער שאָדן. די כיבוש העבודה און כיבוש הארץ געשרייען; דער מיאוסער קאַמף קייגן אידיש; די „העברה", (דאָס האַנדלען און פאַרהאַנדלען מיט נאַצי-דייטשלאַנד), ווען אַלע איבריגע אידן פון דער גאַנצער וועלט בויקאָ-

*) זע דעם קאַפּיטל: „רעאַקציאָנערע שטרעמונגען" אין „אידישע פּראָבלעמען" פון יעקב מילך — צווייטער באַנד.

טירן דאָס לאַנד; און צום סוף, דער אויסגעשפּראָכענער רעוויזיאָניזם, באַווייזן דאָס אויבנגעזאָגטע ביז גאָר.

* * *

די צווייטע גרויסע און אומגליקלעכע פּאַסירונג, וואָס האָט אונז איינגאַנצן באַרויבט פון דער האָפנונג, ווען עס איז פּטור צו ווערן פון דעם אַנטיסעמיטיזם, איז געווען דער פּאַראַט פון די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, און נאָך זיי, די סאָציאַליסטן פון דער איבריגער אייראָפּע, בעת דער גרויסער מלחמה. דאָס איז געווען דער ערשטער, הגם אומבאַוואוסטער, שריט וואָס האָט ברוקירט דעם וועג פאַר דעם היטלערישן נאַציזם. עס האָט נאָר געפעלט דער ארישער פּונקט, און דער פּונקט איז שוין צוגעשטעלט געוואָרן אָן זיי, ניין, — צו זייער אייגענעם שאָדן. יענער ערשטער שריט איז געווען דער אָנהויב פון דעם סוף פון אַן עפּאָכע פון פּראָגרעס, קאַמף און גרויסע האָפנונגען; יענער ערשטער שריט האָט געבראַכט מיט זיך אַ סיטואַציע פון פאַרצווייפלונג. עס האָט אויסגעזען, אַז שפּענגלערס „נבואה" פון דעם אונטערגאַנג פון דער מערב קולטור האַלט ביים מקוים ווערן, און אַז עס וועט נעמען דורות און דורות — ווער ווייסט וויפיל דורות — ביז דער מענשלעכער פּראָגרעס וועט ווידער קענען אויפהייבן דעם קאָפּ.

וואָס וועט ווערן פון סאָציאַליזם? האָבן מאַנכע געפרעגט. וואָס וועט זיין דער גורל פון דעם אידישן פאָלק אין דער צייט פון דער פינסטערער רעאַקציע? האָבן אידישע סאָציאַליסטן זיך געוואונדערט. קיין ליכטיגער שטראַל האָט זיך ניט געוויזן פון קיין זייט; אַלע האָפנונגען האָבן אויסגעזען ווי פאַרשוואונדן, און די מעגלעכע פּאַסירונגען האָבן פאַרשטאַרקט די האָפנונגסלאָזיקייט. פון טאָג צו טאָג, פון יאָר צו יאָר, אין דעמזעלבינגן גראַד ווי עס איז געוואַקסן די אַלגעמיינע רעאַקציע אין דער וועלט, האָט זיך פאַרערגערט די אַלגעמיינע אידישע לאַגע, אַזוי לאַנג ביז עס איז דערגרייכט געוואָרן דער העכסטער פּונקט פון ברוטאַליטעט און ווילדקייט אונטער היטלער און היטלעריזם. אבער ערגער פון דעם, דאָס סאַמע ערגסטע, איז דער פאַקט, וואָס גראָד אין אַזעלכע צייטן פאַררייסט אונזער אייגענע רעאַקציע דעם קאָפּ, און טרייבט דעם אייגענעם שאָוויניזם ווייטער און ווייטער, מיט דעם קינדישן אויסרייד, אַז דער אייגענער שאָוויניזם איז די איינציגע רפואה צו אונזערע צרות. נאַטירלעך, אונזער רעאַקציע היט זיך צו געברויכן דאָס וואָרט „שאָוויניזם". אדרבה, רעדט מיט איר, באַקעמפן זי אַליין דעם שאָוויניזם, אבער דאָס ענדערט ניט די זאַך. אַלע שאָוויניסטן באַקעמפן דעם שאָוויניזם. אָבער, ווי זאָגט דאָס פּוילישע שפּריכוואָרט: „דעם פּאַן דערקענט מען לויט זיינע כאָלעוועס". עס איז שווער צו באַגרייפן, ווי אַזוי געבילדעטע מענשן קענען קומען צו דעם שלוס, אַז די פּאַרטיפּונג אין דעם אייגענעם נאַציאָנאַליזם וועט ברענגען אַן ענדערונג אין דער אידישער לאַגע צווישן די פעלקער, אבער אַזוי איז אַלע מאָל געווען דער אידישער געדאַנקענגאַנג, און אַזוי איז ער היינט. קיין שום נייעס אין אין דעם פּונקט ניט אריינגעטראָגן געוואָרן. אויף יעדן

שריט און טריט זעען מיר ווי אונזערע אזויגערופענע אינטעליגענץ ווערט פון טאָג צו טאָג, ניט נאָר מער קאָנסערוואַטיוו, ניט נאָר מער רעאַקציאָנער, נאָר אויך זיכערער און דרייסטער אין איר רעאַקציע. היינט רעדט זי שוין ניט מער פון פּאָעטישער ווידערגעבורט פון דער רעליגיע, היינט רופט זי דירעקט אין שול אריין מנחה דאַוונען.

וואָס קען דאָס געפּלאָגטע אידישע פּאָלק דערוואַרטן פון דערדאָזיגער רעאַקציע? וואו ליגן די כוחות וואָס די רעאַקציע קען ארויסשטעלן אין אונזער קאַמף, וואָס אויף זיי זאָלן מיר זיך קענען פאַרלאָזן אין אן עת צרה? וואו זענען די פאַרטיידיגונגס מיטל, וואָס זיי שלאָגן פאָר? וואו איז די מאָראַלע קראַפט אפילו, וואָס אויף איר זאָלן מיר קענען זיך אָנ-לענען? מיט וואָס קען דער אייגענער שאָוויניזם, אָדער אפילו דער ריינער קולטור נאַציאָנאַליזם, אונז העלפן? ווי אזוי וועט מנחה דאַוונען העלפן דעם האַלבן מיליאָן אידן אין דייטשלאַנד קיינגן די 65 מיליאָן „אריער“, מיט זייערע הונדערטע טויזנטע הוליגאַנעס, מיט זייערע ברוטאַלע געזעצ-לאָזיקייטן וואָס זענען געוואָרן די געזעצן פון לאַנד?

אויף די פראַגן האָט אונזער רעאַקציע ניט וואָס צו ענטפערן, קומט זי אָב מיט ווערטער, אָדער מיט גלייכווערטלעך, ווי עס איז דער סדר עולם: „וואו ס׳פעלן באַגריפן, שטעלט זיך א ווערטל זייער גוט איין“, ווי געטע זאָגט. זאָגן אייניגע: „היטלעריזם איז א ברכה פאַר דעם פאָלק“. דאָס איז דער „מטה זעם“ (דער שטעקן פון צאָרן), וואָס וועט העלפן צו-ריקצוברענגען די אידן אויף דעם דרך הישר. פּונקט ווי מער ווי דעם „מטה זעם“ האָט דעם אידישן פאָלק ניט געפעלט. אז עס וואָלט געווען א סך גלייכער דער שטעקן פון צאָרן זאָל פאַלן אויף דעם קאָפּ פון היט-לעריזם — דאָס פאַלט זיי אפשר גאָר ניט איין. אפשר פאַלט דאָס זיי יאָ איין, אבער זיי האָבן ניט וואָס פאָרצושלאָגן, קומען זיי אָפּ מיט פּוסטע דיבורים, און דערוויל ווערט די לאַגע ערגער מיט יעדן טאָג, די סיטוא-ציע מער קאָמפּליצירט און די פאַרצווייפלונג שפּרייט זיך אויס... אָבער —

„ווען די נאָט איז׳ט אם עהעסטן,
איז׳ט די הילף אם נעהעסטן.“

ווי עס דריקט זיך אויס אַן אַלט דייטשיש שפּריכוואָרט. צוזאַמען מיט דער געדיכטער פינסטערניש, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט און איז געוואָרן אַלץ געדיכטער אין מערב, האָט געגומען אויפגיין א ליכט, וואָס איז גע-וואָרן אַלץ העלער, אין מזרח. עס איז אויפגעשטאַנען דער באָלשעוויזם און מיט איין מאַך פון זיין שטאַרקער האַנט, האָט ער אויף אייביג פאַר-טריבן דעם אנטיסעמיטיזם פון זיין גרויסן לאַנד. אין דעם סאָוועטנלאַנד איז ניט דאָ, און עס קען מער ניט זיין, קיין אנטיסעמיטיזם. אויף איי-ביג פאַרטריבן! ראַסנהאַס און פעלקערהאַס קענען מער ניט אויפקומען אין דעם לאַנד פון די סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. די זריעה פון אנטי-סעמיטיזם איז דאָרט געוואָרן אויסגעוואָרצלט, און אויף דעם אָרט איז פאַרזייעט געוואָרן די מענשלעכע ווירדע וואָס גייט אויף און צעבליט

זיך אין ארבעט, אין שאפן, אין באשאפן. אין דעם סאוועטנפארבאנד איז דער איד גלייכגעשטעלט, אין אלע פרטים, מיט אלע אנדערע מענשן — אויב ער ארבעט און שאפט און מאכט זיך נוצלעך פאר דער געזעלשאפט. אין סאוועטנלאנד וועט זיך קיינער מער ניט דארפן שעמען מיט דעם, וואס ער איז א איד, און קיינער וועט זיך מער ניט קענען בארימען מיט דעם, וואס ער שעמט זיך ניט, אז ער איז א איד. עס וועט ניט זיין מיט וואס זיך צו שעמען, עס וועט ניט זיין מיט וואס זיך צו בארימען.

דאס איז לויט מיין מיינונג, די וויכטיגסטע געשעעניש אין דער גאנצער אידישער געשיכטע, אחוץ אפשר יציאת מצרים, אויב יענע געשיכטע איז אן אמתע; דאס איז דער אנהויב פון א אידנטום אן שנאה צו אידן; דאס איז דער אנהייב פון דער פארווירקלעכונג פון יענער האפנונג, וואס טליעט אין דעם הארצן פון יעדן איד אין אלע דורות; דא הייבט אן זיך צו פארווירקלעכן די האפנונג, וואס יעדער אידישער סאציאליסט האט אלעמאל געטראגן אין זיין ברוסט — דורך סאציאליזם, א סוף צו דעם אנטיסעמיטיזם.

און די אידן אין סאוועטנפארבאנד באגרייפן דעם ווערט, און פאר־שטייען ווי אפצושאצן דעם באטייט, פון דערדאזיגער וועלטגעשיכטלעכער פאסירונג. מען קען דאס זען פון זייער פרייד וואס שטראלט ארויס פון יעדער פון זייער האנדלונג; פון זייער איבערגעבנהייט צו דער נייער אָרדנונג; פון דעם פליים מיט וועלכן זיי באטרייבן די ארבעט; פון דער התלהבות וואס זיי צייגן ארויס ביי דער ארבעט; פון די צאל „שלאגלער" וואס זיי גיבן פון זיך ארויס; פון דעם נייעם אידישן ווארט וואס הערט זיך שוין באצייטנס פון דארט, און פון דעם נייעם טיפ אידן, וואס האט זיך אנגעהויבן ארויסצושיילן דארט, מען קען זאגן, אונטער אונזערע אויגן.

א, ווי נעמט מען צוריק די יונגע יארן!

ווי מיט פליגל וואלט איך געפלויגן אהין, אין דעם געבענטשטן לאנד, מיט די אייגענע אויגן צו קענען זען דעם אנהויב פון דער פארווירקלעכונג פון מיינע יוגנד אידעאלן, און מיט די אייגענע הענט צו קענען מיטהעלפן אין דער בויאונג פון דעם לאנד פון מיינע האפנונגען. די פרייד, די גליק־זעליקייט, די אינערלעכע גענוגטואונג צו זען די ערשטע שפראצונג פון די אידעאלן פאר וועלכע איינער האט געארבעט כמעט א האלבן יארהונ־דערט — ווער קען דאס באגרייפן? ווער קען דאס ריכטיג אפשאצן? נאר דער וואס האט דאס אליין מיטגעלעבט, דורכגעלעבט און — דער־לעבט, נאר דער קען דאס פארשטיין.

5.

דיקטאַטור אַלס מיטל און דיקטאַטור אַלס צוועק.

אויב דער סאָוועטנפארבאנד וואָלט געטאָן ניט מער ווי דאָס פאר די אידן פון יענעם לאנד, וואָלט דאָס געווען גענוג אָנצופילן אונזערע הערצער מיט פרייד און באגייסטערונג פאר דעם נייעם קורס. אבער דער סאָוועטנפארבאנד איז געגאנגען א סך ווייטער פון דעם. (און דאָ רעדט זיך נאָר וועגן דער שטעלונג צו דער אידנפראגע). ניט נאָר האָט ער באפרייט דעם אידישן יחיד און אים גלייכגעשטעלט מיט יעדן אַנדערן יחיד אין לאנד, דער סאָוועטנפארבאנד האָט אויך באַפרייט דעם אידישן קיבוץ, אלס קיבוץ, און אים גלייכגעשטעלט מיט יעדן אַנדערן קיבוץ אין לאנד. מיט אנדערע ווערטער: דער אידישער קיבוץ אין דעם סאָציאליסטישן לאנד האָט באקומען די אנערקענונג פון א באזונדערער נאַציאָנאַליטעט, און צוזאמען מיט יעדער אנדערער נאַציאָנאליטעט, האָט ער געקראָגן דאָס רעכט אויף דער אייגענער שפראך, דער אייגענער קולטור און דעם אייגענעם לעבנס שטייגער. דאָס איז דער וועג ווי אזוי דער אמתער אינטערנאַציאָנאַליזם איז פארשטאַנען געוואָרן פון אלע סאָציאליסטן. אזוי איז דאָס פארשטאַנען געוואָרן פון מארקס און ענגעלס, אזוי ווערט דאָס אויסגעטייטשט פון דעם באָלשעוויזם. עס איז פשוט א בלבול וואָס אונזערע ראדיקאלע רעאקציאָנערן מאכן, ווען זיי פאַרשרייען דעם מאַרקסיזם מיט דעם וואָרט: אַסימילאציע. מאַרקס און ענגעלס זענען ניט געווען קיין אסימילאטאָרן אין דעם זין ווי דאָס וואָרט ווערט אויסגעטייטשט פון יענע הערן. עס איז, פארקערט, א גרונדזאץ פון דעם מארקסיזם, אז דער קאמף פון דעם פראָלעטאריאט מוז ארויסגיין פון נאַציאָנאלער באַדערפעניש. מאַרקס און ענגעלס האָבן דערפאר געשטיצט אלע באפרייאונגס באוועגונגען פון זייער צייט: זיי האָבן געשטיצט איטאַליע קעגן עסטרייך, אירלאנד קעגן ענגלאנד און פוילן קעגן רוסלאנד. „אין דעם זיג פון דעם פראָלעטאריאט איבער דער בורזשואזיע, האָט מארקס געזען דעם באפרייאונגס סיגנאל פאר אלע אונטערדריקטע פעלקער„ (פראנץ מערינג: ליטעראַרישער נאכלאס פון מארקס, ענגעלס און לאסאל“, צווייטער באנד, זייט 383). מאַרקס און ענגעלס זענען דערפאר געגאנגען אין דעם פונקט א סך ווייטער פון אלע אנדערע. ניט נאָר האָבן זיי אונטערשטיצט די אונטערדריקטע פעלקער, זיי האבן געפאָדערט דאָס פראָלעטאריאט פון די אונטערדריקער-פעלקער אליין זאָלן מיטהעלפן אין דער באפרייאונג באוועגונג פון די אונטערדריקטע. זיי האבן געפאָדערט די ענגלישע ארבעטער אליין זאָלן העלפן די אירלענדער אין זייער קאמף קעגן ענגלאנד; די רוסן אליין זאָלן זיך באטייליגן אין דעם באַפרייאונגס קאמף פון פוילן. זיי זענען אויך געווען קעגן דער אנעקסיע פון עלזאס-לאָטרינגען מצד פרייסן.

און וואָס איז שייך דעם אידישן פאָלק? איז, אמת, די פראגע דעמאָלט ניט געווען אַוועקגעשטעלט ווי זי איז היינט. זייער ווייניג אידן, אפשר קיינער ניט, האָבן דעמאָלט גערעדט פון א אידיש פאָלק אין די טערמינען ווי מען רעדט היינט, אבער מארקס איז געווען דער ערשטער, אבסאָלוט דער ערשטער, ווען ער איז געווען נאָך א יונגער מאן, ווי געזאָגט, וואָס האָט אויפגעשטעלט דעם פּאָסטולאט, הגם, נאָך ניט אזוי קלאָר און שארף ווי מיר זענען געוואוינט פון מארקסן, אז עס וועט זיין דער סאָציאליזם וואס וועט גרינטלעך און אויף אייביג מאכן אַ סוף צו דער אידנפראגע, ניט פריער.

מערקווירדיג! עס איז גראָד אָט דער שטאַנדפּונקט, וואָס, ווי עס ווייזט זיך ארויס, הייבט אָן מקוים צו ווערן פריער, און גרינטלעכער, און שנעלער איידער אלע פלענער פון אונזערע גרויסע נאַציאָנאַל-פּאטריאָטן. וואָרעם עס איז געווען אין דעם גייסט פון מארקס און די מארקסיסטישע לערע ווען דער באָלשעוויזם האָט פריער גלייכגעשטעלט די אידן מיט אלע אנדערע באַוואוינער פון דעם לאנד, און דערנאָך פּראָקלאמירט ביראָ-בידזשאן אלס אן אוטאָנאָמע אידישע געגנט. ביראָ-בידזשאן אלס א אידישע רעפּובליק האָט נאָך די מעלה, אַ חוץ אלע אנדערע מעלות, וואָס דאָרט קען דער אנטיסעמיטיזם בשום אופן ניט אויפקומען. אויב אין דעם אלטן רוסלאנד געפינען זיך נאָך אפשר היינט אזעלכע, וואס אוים אלטער געוואוינהייט קענען זיי זיך אפשר ניט אינגאנצן באפרייען פון יענע פרימיטיווע אנטיסעמיטישע געפילן, איז אַזאַ זאַך לחלוטין אוממעגלעך אין דעם נייעם אידישן לאנד. פון אָנהויב אָן בויט זיך דאָרט אן אויסשליסלעך אידישער קיבוץ, מיט דער אידישער שפּראַך אלס די אָפיציעלע שפראַך פון לאנד, מיט דער אידישער קולטור אלס די הערשנדיגע קולטור און — וואָס איז דאָס וויכטיגסטע — אויף נייע עקאָנאָמישע יסודות. יסודות, וואס מאכן ראסנהאס, קלאסנהאַס און פעלקערהאס לחלוטין אוממעגלעך. ביראָ-בידזשאן איז אין יעדן הינזיכט א ניי לאנד, מיט א נייער מאָראַל, מיט נייע באגריפן פון מאָראַל; עס איז אַ לאנד וואו עס קומען זיך צוזאמען, אָדער וואו עס וועלן זיך צוזאמענקומען, אידן פון אלע עקן וועלט, און קיינער ברענגט גאָר ניט מיט, און וועט גאָר ניט מיטברענגען, אחוץ זיין ארבעטס-קראפט און זיינע פייאיקייטן, — זיין כוח און זיין מוח — ניט מער און ניט ווייניגער. האָט איינער מער ווי דאָס, וויל מען אים ניט; האָט איינער ווייניגער ווי דאָס, דארף מען אים ניט. (דאָ רעדט זיך נאַטירלעך ניט פון דעם געוויינלעכן פערזענלעכן אייגנטום, וואס יעדער איינער קען פארמאָגן וויפיל מעגלעך). מען דארף זיין בלינד ניט צו קענען איינזען, מען דארף זיין מער ווי בלינד ניט צו וועלן איינזען, אז ביראָ-בידזשאן מיינט א סוף צו דעם אנטיסעמיטיזם אין יענעם לאנד שוין, באלד, און אן אָנהייב צו דעם סוף פון אנטיסעמיטיזם אין אלע אנדערע לענדער, אין דער צוקונפט. ביראָ-בידזשאן איז באשטימט, אין דעם בין איך איבערצייגט, צו זיין דער וועגווייזער פאר אלע לענדער, ווי אזוי צו פארענטפערן די אידנפראגע, פונקט ווי דער סאָוועטנפארבאנד, בכלל, וועט זיין דער וועגווייזער פאר דער גאנצער וועלט, ווי אזוי איינצוריכטן א גליקלעך לעבן פאר דער גאנצער מענשהייט.

אין דעם צוזאמענהאנג, איז אויפן אָרט אָנצואווייזן אויף א מערקווערדיגן צעזאמענטראָף פון געשעענישן: אומגעפער אין דערזעלבער צייט, ווען דער היטלעריזם האָט זיך ארויסגעשטעלט אין זיין עקלדיגסטן געשטאלט, האָט דער סאָוועטנפארבאנד פּראָקלאמירט בירא-בידזשאן אלס אַן אויטאָנאָמע אידישע געגנט. איך הייב דאָ ארויס דעם פּונקט ווייל דאָס איז די בעסטע געלעגנהייט בולט ארויסצוברענגען דעם גרויסן חילוק צווישן די צוויי סיסטעמען.

אונזער דעמאָקראטישע רעאקציע, אָדער רעאקציאָנערע דעמאָקראטיע, רופט עס ווי איר ווילט, האָט ליב צו פּאראדירן איר ליבעראליטעט מיט דעם, וואס זי פארגלייכט די אויבערפלאכלעכע ענלעכקייט פון די צוויי סיסטעמען אין איין איינציגן פּונקט — אין דעם פּונקט פון דיקטאטור — כדי זיי ביידע גלייך, און גלייכצייטיג, צו פּארווארפן. „דיקטאטור איז דיקטאטור“, זאָגן אייך דידאָזיגע ליבעראלע הערן רעאקציאָנערן, און זיי, ווי עס איז באוואוסט, האסן דיקטאטור שנאת מות. זיי פאָדערן די ריינע, די אומפארפעלשטע דעמאָקראטיע, ווי זי שטייט געשריבן אין דער „תורה“ פון דער קאפּיטאליסטישער סיסטעם. קוקט מען זיך אבער צו נענטער צו זייערע ארגומענטן, דערזעט מען גלייך, אַז עס איז ניט אזוי פיל די ליבע צו דעמאָקראטיע, ווי עס איז די שנאה צו קאָמוניזם, וואס דיקטירט זייער ארגומענטאציע און זייער האנדלונג. זיי שרעקן זיך פאר דעם קאָמוניזם און זיי זוכן א שוץ אונטער דעם פּארטוך פון דער מאדאם דעמאָקראטיע, אָט די מאדאם וואס לעבט מער אויף איר רעפּוטאציע פון אמאָל, איידער אויף איר איצטיגן חן. „דיקטאטור איז דיקטאטור“ — אזוי טענהן אָט די אלע דעמאָקראטן — „איטאליענישע דיקטאטור, דייטשע דיקטאטור, באָלשעוויסטישע דיקטאטור, וואס איז די נפקא מינה?

איז טאקע ניטאָ קיין נפקא מינה? לאָמיר זען.

עס איז אוממעגלעך אין דער קורצער אָפּהאנדלונג ארייננצוגיין אין אַלע איינצעלהייטן פון דער וויכטיגער פראגע. זאָל דערפאר דאָ ארויסגעהויבן ווערן נאָר איין הויפּט פּונקט. דערדאָזיגער הויפּט פּונקט באשטייט אין דעם: די באָלשעוויסטישע דיקטאטור, „די דיקטאטור פון דעם פּראָלעטאריאט“, איז א צייטווייליגע דיקטאטור. זי איז נאָר א מיטל צו אנאנדערן, א העכערן צוועק, און זי וועט ווערן אָפּגעשאפט אזוי שנעל ווי דער העכערער צוועק וועט ווערן דערגרייכט. אין דעם פאשיזם, פארקערט, איז דיקטאטור דער צוועק, דער הויפּט צוועק. קיין אנדער צוועק ווי דיקטאטור, קען דער פאשיזם אייגנטלעך ניט, און דערדאָזיגער צוועק וועט זיך ניט לאָזן אָפּשאפן אזוי לאנג ווי דער פאשיזם, אָדער היטלעריזם, וועט עקזיסטירן. „די דיקטאטור פון דעם פּראָלעטאריאט“, אזוי איז די טעאָריע, וועט ברענגען די אָפּשאפונג פון דעם שטאַט, צוזאמען מיט דער הערשאפט פון די קלאסן, צוזאמען מיט דער הערשאפט פון דעם פּראָלעטאריאט, און ממילא אויך די דיקטאטור פון דעם פּראָלעטאריאט גופא. אונטער דעם פאשיזם, פארקערט, איז די אויבערהערשאפט פון דעם „פירער“, דאָס הייסט פון דעם דיקטאטאָר, דער הויפּט פּרינציפּ,

און וואָס וועט „עקזיסטירן“, ווי דער „פירער“ האָט זיך גערימט, א טויזנט יאָר, דאָס הייסט, אויב דער פאַשיזם וועט עקזיסטירן.

עס איז צייט אונזערע „דעמאָקראַטן“, איבערהויפּט די סאָציאַל-דע-מאָקראַטן, זאָלן וויסן דעם חילוק צווישן דער דיקטאַטור פון באָלשע-וויזם און דער פון פאַשיזם. עס איז שוין צייט זיי זאָלן וויסן, אז בעת די איטאַליענישע דיקטאַטור, איז איינגעפירט געוואָרן פון מוסאָליני, און די דייטשע דיקטאַטור פון היטלערן, און ביידע, מיט דער הילף פון גרויס קאַפּיטאַל, איז די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין סאָוועטנלאַנד אנטדעקט געוואָרן ניט פון לעניגען, ניט פון סטאַלינען און ניט פון קיינעם פון די אנדערע באָלשעוויסטישע פירער. אויך דידאָזיגע אידעע באַלאַנגט ניט צו קיין אנדערן ווי צו מאַרקסן. אלע די וואָס ווילן באַקעמפן די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור, וועלן דערפאַר מוזן מאַכן זייער חשבון מיט מאַרקס אליין. קיין שום דרייען מיט דעם צונג וועט דאָ ניט העלפן. עס איז געווען מאַרקס אליין, אפילו אָן דער מיטהילף פון ענגעלסן, אויף דעם האָבן מיר מאַרקס׳ אייגענע ווערטער, וואָס האָט אוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אבער אוועק-שטעלנדיג דעם פּרינציפּ פון דיקטאַטור, האָט מאַרקס אין דעמזעלבן אָטעם געזאָגט, אז דידאָזיגע דיקטאַטור איז ניט מער, און קען מער ניט זיין, ווי אָן „איבערגאַנג צו דער אָפּשאַפונג פון אלע קלאַסן, און צו דער באַשאַפונג פון א געזעלשאַפט פון פרייע און גלייכע מענשן“. (אין א בריף צו זיין פריינט ווידעמייער אין אמעריקע, אין 1852. זע, מאַרקס-ענ-געלס קאָרעספּאָנדענץ, בריוו נומער 18).

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער פראַגע: ווי אזוי וועט דער אר-בעטער קלאַס קומען צו דער מאַכט, און מיט וועלכע מיטל, און אויף ווי לאַנג, וועט דער ארבעטער-קלאַס זיין בכוח אָנצוהאַלטן די מאַכט, נאָכ-דעם ווי ער וועט זי האָבן דערגרייכט. מאַרקס איז געווען זיכער, אז דאָס וועט ניט געשען איבער נאַכט; אז די בורזשואזיע וועט מיט גוטן איר ממשלה ניט אָפּטרעטן, אז דער קאַמף וועט זיין א לאַנגער און א בי-טערער, און אז נאָך דורך א רעוואָלוציאָנערער, שטרענגער און דעספּאָטי-שער דיקטאַטור וועט זיך סוף כל סוף איינגעבן דעם פּראָלעטאַריאַט צו באַ-פרייען זיך אליין, און מיט זיך די איבריגע מענשהייט.

שוין אין 1843 האָט קאַרל מאַרקס זיך אויסגעדריקט וועגן דיקטאַ-טור אלס א מיטל אין דער רעוואָלוציע, אבער דעמאָלט איז דאָס נאָר געווען פאַרבייגייענדיג, אין א צייטונגס אַרטיקל. מיט 5 יאָר שפּעטער, אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“, פון מאַרקס און ענגעלס, וואָס איז דערשינען אין 1848, איז דער געדאַנק ארויסגעזאָגט געוואָרן שאַרף און בולט, אין דער קלאַסישער פאָרמע וואָס האָט געמאַכט דאָס קליינע בי-כעלע אומשטערבלעך און וועלט באַרימט.

דאָרט שטייט געשריבן:

„דער ערשטער שריט אין דער רעוואָלוציע פון דעם אר-בעטער קלאַס איז צו דערהויבן דעם פּראָלעטאַריאַט צו דער

> פּאָזיציע פון א הערשנדן קלאַס, כדי צו געווינען דעם קאַמף פון דעמאָקראַטיע."

> „דער פּראָלעטאַריאַט וועט געברויכן זיין פּאָליטישע אויבערמאַכט ארויסצורייסן, שטופנווייז, דאָס גאַנצע קאַפּיטאַל פון דער בורזשואַזיע, און צו צענטראַליזירן אַלע אינסטרומענטן פון דער פּראָדוקציע אין די הענט פון דעם שטאַט, ד. ה., פון דעם פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט אַלס הערשנדער קלאַס..."

> „זעלבסטפאַרשטענדלעך, מתחילת, קען דאָס ניט ווערן דורכגעפירט אַנדערש ווי דורך דעספּאָטישן אָנגריף אויף די רעכט פון אייגנטום, און אונטער קאָנדיציעס פון בורזשואַזער פּראָדוקציע..."

אָבער דער דאָזיגער דעספּאָטישער אָנגריף איז ניט קיין באַשטענדיגע זאַך. דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט שרייבט ווייטער:

> „אויב דער פּראָלעטאַריאַט אין פאַרלויף פון זיין קאַמף מיט דער בורזשואַזיע איז געצוואונגען, דורך דער מאַכט פון די אומשטענדן זיך צו אָרגאַניזירן ווי א קלאַס, אויב, דורך די מיטל פון א רעוואָלוציע, ער מאַכט זיך פאַר דעם הערשנדן קלאַס, און, אַלס אַזעלכער ווישט ער אָפּ מיט גוואַלט די אַלטע קאָנדיציעס פון פּראָדוקציע, דאַן וועט ער אויך, צוזאַמען מיט די קאָנדיציעס, האָבן אָפּגעווישט די קאָנדיציעס פאַר דער עקזיסטענץ פון קלאַסן בכלל, און ער וועט אַזוי ארום האָבן אָפּגעשאַפט זיין אייגענע אויבערמאַכט אַלס א קלאַס."

מיט א סך יאָרן שפּעטער, אין דעם יאָר 1875, אין זיין „קריטיק אויף דער גאָטאַער פּראָגראַם", שרייבט מאַרקס:

> „צווישן דער קאַפּיטאַליסטישער און קאָמוניסטישער געזעלשאַפט ליגט א פּעריאָד פון רעוואָלוציאָנערער טראַנספאָרמאַציע (איבערפאָרמעוועו), צו דעם אַנטשפּרעכט אויך א פּאָליטישע איבערגאַנגס-פּעריאָד דורך וועלכער צייט דער שטאַט קען ניט זיין עפּעס אַנדערש ווי א רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט."

מיט אַנדערע ווערטער: די „דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט" אידעע איז די דערפינדונג פון מאַרקסן, און די דאָזיגע דיקטאַטור קען נאָר דויערן א באַשטימטע צייט, און ניט לענגער פון דער צייט, ווען זי וועט אינגאַנצן אָפּגעשאַפט ווערן, צוזאַמען מיט דעם שטאַט, צוזאַמען מיט די קלאַסן, צוזאַמען מיט דער קלאַסנהערשאַפט.

דאָס איז מאַרקסיזם. ווער עס איז קעגן דעם, דער מוז פאַרוואַרפן דעם גאַנצן מאַרקסיזם, אויב ער האָט דעם אינטעלעקטועלן כוח דאָס צו טון. אַוואַדע האָט יעדער דאָס רעכט ניט אָנצונעמען דעם מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. אויף דעם לעבן מיר דאָך אין א פרייער און דעמאָקראַ-

טישער מדינה, אָבער זיך צו דערקלערן פאר א מארקסיסט און צו דער־זעלבער צייט פארוואַרפן די אידעע פון דיקטאטור פון דעם פּראָלע־טאריאט — דאָס גייט ניט.

נו, קומען אצינדער חכמים און טענהן: וואָס טויג מיר די גאנצע פילאָזאָפיע? וואס איז די נפקא מינה צי די דיקטאטור קומט פון היט־לערן, צי פון לענינען, צי אפילו פון מארקסן? דער פאקט בלייבט, אז אין קיינעם פון די לענדער איז ניט דאָ קיין פּערזענלעכע פרייהייט און קיין רעדע פרייהייט. דער מענש וואָס ליידט פון דער דיקטאטור אין סאָוועטנלאנד, אים איז ניט בעסער צוליב דעם וואס די אידעע קומט פון מארקסן. א שווערע קשיא. ווי ענטפערט מען אויף אזא קשיה? אפשר וועט א משל דאָס מאכן לייכטער פאר די וואס ווילן ניט זען? לאָמיר זיך פאָרשטעלן דעם פראנצויזישן גענעראל פאָש אין דער צייט פון דער לעצ־טער וועלט מלחמה; לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז פונקט אין דער צייט פון זיינע גרויסע נצחונות איבער דער דייטשער ארמיי, קומט צו אים איינער, וואָס שטעלט זיך פאָר אלס אַ גרויסער פּאַטריאָט, אַ פריינט פון דעם פראנצויזישן פאָלק, און זאָגט צו דעם גענעראל: „וואָס טויגן מיר אלע אייערע זיגן איבער די דייטשן, אז איר האלט אייער אייגענע סאָלדאטן, אייער אייגענע פראנצויזן, אונטער א שטרענגער מיליטערישער דיס־ציפּלין? ווי לאַנג איר לאָזט ניט פריי אייערע אייגענע סאָלדאטן, איז אייער זיג גאָר ניט ווערט.“ וואס דענקט איר וואָלט דער גענעראל גע־ענטפערט אזא פאטריאָט? דענקט איר ניט, ער וואָלט אים, אָט דעם פאטריאָט, געלאָזט שיסן אלס שפּיאָן? דאָס איז דער משל. דעם נמשל לאָז איך פאר דעם לעזער אליין צו געפינען. דער נמשל, אויב איר ווילט דאווקע, איז דער חילוק פון א צייטווייליגער, נויטווענדיגער דיסציפּלין צו געווינען א באשטענדיגן נצחון, און א צושטאנד פון באשטענדיגער שקלאפעריי.

יאָרן לאַנג איז די פראגע פון דער דיקטאטור פון דעם פּראָלעטאַריאט ניט אויפגעקומען אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג. די מארקסיסטישע ליטעראטור האָט דערפאר זייער ווייניג זיך באשעפטיגט מיט דער פראגע טעאָרעטיש. דער ענין איז ניט געווען אקטועל. דער פּראָלעטאריאט איז אין ערגעץ ניט געווען דער הערשענדער קלאס, קיינער האָט ניט דערוואַרט, אז ער וועט דאָס אזוי שנעל ווערן. דאָס נענטסטע וואס מען האָט גע־האָפט צו דערגרייכן איז געווען, צו ווערן א הערשנדע פארטיי אין איי־נעם פון די לענדער, האָט די גאנצע פּראָבלעמע אויסגעזען צו זיין ניט מער ווי „צוקונפטס מוזיק“ און האָט ניט געפונען דעם געהעריגן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראטור. מען קען זאָגן, אז מען האָט זיך מיט דער פראגע גאָר ניט באשעפטיגט. אָבער מיט אמאָל איז געשען אן אומגעהייער וויכ־טיגע זאַך; עס איז געקומען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, דאָס פּראָ־לעטאריאט איז געוואָרן דער הערשנדער קלאס. די פראגע פון הער־שאפט, און פון אָנהאלטן די הערשאפט, איז מיט אמאָל געוואָרן אקטועל, ברענענדיג, זי האָט געמוזט ווערן פארענטפערט באלד, אויפן שטעל. מען האָט ניט געקענט אָפּלייגן אויף איין מינוט. די באַאַנטן און די קאַנאָנען

פון דעם שונא האָבן ניט דערלאָזן וואָרטן. אָט אין דער צייט האָבן די גרויסע פירער פון באָלשעוויזם געהאט דעם גייסטיגן קוראזש און די קראפט צו אנטשיידן. לויט דער פאָרשריפט פון דעם קאָמוניסטישן „מאַניפעסט“, אז „דער ערשטער שריט אין דער רעוואָלוציע פון דעם ארבעטער קלאס איז צו דערהויבן דעם פראָלעטאריאט צו דער פּאָזיציע פון א הערשנדן קלאס, כדי צו געווינען דעם קאמף פאר דעמאָקראטיע“, און האָבן דער־קלערט די דיקטאטור פון דעם פראָלעטאריאט.

די דייטשע סאָציאל דעמאָקראטיע האָט, אין איין צייט נאָך דער מלחמה, געהאט דיזעלביגע געלעגנהייט ביי א סך בעסערע באדינגונגען, אָבער זי האָט די געלעגנהייט פארפּושט, פארנאכלעסיגט און פארלוירן. ווי האָט דאָרט היינריך היינע געלאכט: „די דייטשן ווילן ניט מאכן קיין רעוואָלוציע, עס איזט פארבאָטן.“ וואָס דער סוף איז געווען ווייסן מיר אלע. אנשטאט א צייטווייליגע דיקטאטור פון דעם פראָלעטאריאט, האבן מיר א באַשטענדיגע דיקטאטור פון בארבאריזם און ווילדקייט. דאָס גרויסע פארדינסט, דאָס אומשטערבלעכע פארדינסט, פון לענין און די איבריגע פירער פון באָלשעוויזם באַשטייט אין דעם, וואס זיי זענען, אלע ווי איינער, אזעלכע פליסיגע תלמידים און געטרייע נאָכפאָלגער פון דעם גרויסן לערער קארל מארקס. דאָס גיט אונז די גאראנטיע און די זיכערהייט, אז זיי ווילן אויך אויף ווייטער בלייבן געטריי דעם אומשטערבלעכן לערער, און ווילן אָפּשאפן די דיקטאטור אזוי שנעל ווי די צייט וועט זיין רייף, ווי דאָס ווערט געטאָן, מען קען זאָגן יעדן טאָג, אויף אלע אנדערע געביטן פון לעבן*).

דאָס קען ניט געזאָגט ווערן וועגן דער פאַשיסטישער דיקטאטור. לויט איר איינגענער, אינערלעכער נאטור מוז זי בלייבן דיקטאטאָריש, קריגעריש און ברוטאל. נאָר וואס דארף מען גיין ווייטער? עס איז גענוג צו פארגלייכן די לאגע פון די אידן אין דעם סאָוועטנלאנד, אונטער דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, מיט דער לאגע פון די אידן אין דייטשלאנד אונטער דער היטלעריסטישער דיקטאטור, מען זאָל איינזען דעם חילוק צווישן דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, וואס איז נאָר אן איבערגאנגס־מיטל, א סטראטעגישע מאנעווורע, פאר דער צייט פון דער רעוואָלוציע און דער פאַשיסטישער דיקטאטור, וואס איז אין זיך אליין א סיסטעם אויפצוהאלטן און צו שטארקן די רעאקציע; מען זאָל איינזען, אז בעת די ערשטע זוכט צו עטאבלירן א געזעלשאפטס אָרדנונג פון א פרייער און גליקלעכער מענשהייט, זוכט די אנדערע צו פארשפרייטן האס און ברוטאַליטעט צווישן די מענשן, צווישן די פעלקער און צווישן די קלאסן; בעת די ערשטע זוכט פרידן, איז די אנדערע גורם מלחמה, בעת די ערשטע בויט, מאכט די אנדערע חרוב.

---

*) דאָס גאנצע קאפּיטל איז געוואָרן געשריבן אין זומער פון 1935, ד. ה. א סך פריער איידער די נייע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע איז געווען באשטימט.

6.

אויב קאָמוניזם איז שוין בעסער פאַגראָמען.

שטעלט זיך אַצינדער די פראַגע: זענען קיינע פון די פאַקטן גאָר ניט באַקאַנט אונזערע אייבּיגע, אומגעבעטענע פאַרזאָרגער? און אויב זיי זענען יאָ באַקאַנט, אָדער נאָר טיילווייז באַקאַנט, וואָס איז זייער ענטפער? פאַרוואָס זענען אַזוי פיל פון אונזערע ליבעראַלע אידן, אידן וואָס זענען אַמאָל געווען, און וואָס אַ טייל פון זיי רעכנען זיך נאָך היינט, פאַר סאָציאַליסטן, אַזוי שטאַרק קייגן באָלשעוויזם בכלל און קייגן בּיראָ-בידזשאַן בפרט? ווען מען באַטראַכט די טרויעריגע און אומזיכערע לאַגע פון די אידן אין כמעט אַלע אייראָפּייאישע לענדער, ספּעציעל דעם פאַרצווייפלטן מצב פון די אידן אין דייטשלאַנד, און מען פאַרגלייכט דאָס מיט דער צופרידנהייט און גליקזעליקייט פון די אידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד — אַ גליקזעליקייט, וואָס שטראַלט שוין באַציִיטנס אַהער צו אונז — וואָלט דאָך, אַזוי דאַכט זיך, יעדער איד מיט אַ מענשלעך האַרץ באַדאַרפט גאָט דאַנקען דריי מאָל אַ טאָג פאַר דעם סאָוועטנרעזשים בכלל און פאַר בּיראָ-בידזשאַן בפרט? איבערהויפּט האָבן דאָך באַדאַרפט זיך באַגייסטערן פאַר דערדאָזיגער אידעע די פּראָפעסיאָנעלע אידן אונזערע — אָט די אידן וואָס זייער געשעפט איז, אַזוי צו זאָגן, דאָס אידישע פאָלק. זיי האָבן דאָך באַדאַרפט זיין די ערשטע זיך אָנצוכאַפּן מיט ביידע הענט אָן בּיראָ-בידזשאַן? אָבער וואָס זעען מיר? מיר זעען פּונקט דאָס פאַרקערטע. מיר זעען אין אמתן אַ גרויסע קייגנערשאַפט, גראָד מצד אָט די מענשן. עס זענען גראָד די פּראָפעסיאָנאַליסטן, וואָס ציִיגן אַרויס קייגנערשאַפט צו דער גאַנצער אידעע. וואָלטן זיי אַלע געווען ציוניסטן, וואָלט דאָס נאָך געווען דערקלערלעך, אָבער אַ טייל זענען אַפילו ניט קיין ציוניסטן. ווי אַזוי זאָל מען דאָס דערקלערן? דער ערשטער תירוץ זייערער איז ווי שוין געזאָגט, די דיקטאַטור, דאָס איז זיי אַזוי שטאַרק דערווידער, אַז זיי ווילן אַפילו ניט הערן פון די פרייהייטן וואָס דער באָלשעוויזם האָט שוין געבראַכט צו מיליאָנען פון דעם אידישן פאָלק, און אויך ניט פון דעם וואָס ער פאַרשפּרעכט אויף ווייטער. מיט דעם ציִיגן זיי אַרויס, אַז אויף דער וועלט איז דאָ לכל הפּחות איין זאַך, וואָס איז ביי זיי טייערער פון דעם אידישן פאָלק. די זאַך איז דעמאָקראַטיע. מיט זייער האַנדלונג לאָזן זיי אונז וויסן, אַז דעמאָקראַטיע איז פאַר זיי וויכטיגער איידער אַלע רעכטע וואָס דאָס אידישע פאָלק קען דערוואַרטן פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור.

געבענשט זאָל זיין די דעמאָקראַטיע! איר גבורה איז גאָר ניט משער צו זיין.

נו, וויל איך מיט די הערן דעמאָקראַטן ניט איינרייסן. איך האָב אליין זייער פֿיל געפֿלירטעוועט מיט דער ערנהאַפֿטער דאַמע, און נאָך היינט פֿאַרוואַלגערט זיך אין מיין האַרץ אַ גרויסע סימפּאַטיע צו איר. ווי שטייט דאָרט אין פּסוק? „אַלטע ליבע ראָסטעט ניט". אָבער איך פֿרעג גאַנץ ערנסט: ווי אַזוי דערוואַרטן די אַלע גוטע און פֿרומע מענטשן צוריק צו ברענגען די דעמאָקראַטיע צו איר אַמאָליגער גדולה? וואָס איז זייער עצה זאָלן מיר טוען ווידער צו קענען געניסן די ברכות פֿון דער דעמאָקראַטיע? האָט זי דאָך אַמאָל געהערשט, און איז געווען אַלמעכטיג אין דייטשלאַנד. די אָרעמע דעמאָקראַטיע? וואָס איז פֿון איר געוואָרן, ווי אַזוי האָט זי דאָרט פֿאַרלוירן איר ממשלה? וואווינט זי דאָך נאָך היינט אין פּוילן, דאַכט זיך, פֿאַרוואָס זשע שלאָפֿט זי דאָרט און רירט זיך ניט פֿון אָרט? האָבן מיר דאָך אַמאָל געפֿירט אַ גרויסע וועלט-מלחמה ספּעציעל צוליב איר, כדי זי זאָל זיין פֿריי אויף דער וועלט, און ווי מיר דוכט, האָבן „מיר" דאָך די מלחמה געוואונען. טאָ וואו איז זי אהינגעקומען, די בידנע? זאָלן מיר אפשר פֿאַרפֿירן אַ נייע וועלט-מלחמה צוליב אָט דער מאַדאַם דעמאָקראַטיע? איך גלויב קוים צו די גאַלאַנטע קאַוואַלערן וואָלטן דאָס געראָטן. קיינער וועט, דאַכט זיך מיר, מער ניט פֿאַרפֿירן קיין דועל צוליב איר. און אויב ניט דאָס, און קיין אייגענעם צויבער האָט זי מער ניט, ווי אַזוי דערוואַרטן די אַלע הערן צוריק אַרויפֿצוזעצן די דעמאָקראַטיע אויף איר אַלטן טראָן?

דער אמת איז, אַז די ליבעראַלע רעאַקציאָנערן אונזערע דערוואַרטן דאָס גאָר ניט. זיי ווייסן גאַנץ גענוי ווי שמאָל עס האַלט מיט דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע; זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז דער פֿאַשיזם פֿאַרשפּרייט זיינע שוואַרצע פֿליגל אַלץ מער און מער איבער דער ציוויליזירטער וועלט; זיי ווייסן אפשר אויך, אַז גראָד די דיקטאַטור פֿון דער פּראָלעטאַריאַט איז דער איינציגער כּוח, וואָס קען אויף אייביג אונטערהאַקן די שוואַרצע פֿליגל פֿון דעם פֿינסטערן פֿאַשיזם, אָבער גראָד דאָס ווילן זיי ניט. אוואַדע וואָלטן זיי וועלן דער היטלעריזם צוזאַמען מיט היטלערן זאָלן איינעמען אַ מיתה משונה, אָבער ניט אויף אַזאַ אופֿן דער קאָמוניזם זאָל געווינען פֿון דעם. זיי זענען גאָר ניט אַזעלכע הייסע דעמאָקראַטן. ווען זיי רעדן פֿון דעמאָקראַטיע, איז דאָס גיכער אויס שנאה צו דעם קאָמוניזם איידער אויס ליבע צו דעמאָקראַטיע. זייער גאַנצע באַזאָרגטקייט פֿאַר דעם אָרימען אידישן פֿאָלק, פֿאַלט אַוועק און ווערט צונישט אין דעם אָנגעזיכט פֿון דעם שרעקלעכן באָלשעוויזם. „אויב קאָמוניזם איז מיר שוין ליבער פּאָגראָמען". אָט די ווערטער האָט מיר בפֿירוש געזאָגט אַן אָנגעזעענער אידישער רעדאַקטאָר, אַרויסגעבער פֿון צוויי טעגלעכע אידישע ציייטונגען אין אייראָפּע, אין אַ פּערזענלעכן געשפּרעך מיט עטלעכע יאָר צוריק. און דערדאָזיגער אידישער בעל עסקן און בעל טובה איז ניט דער איינציגער וואָס רעדט אַזוי. מיר הערן דעמדאָזיגן פּזמון אויף יעדן שריט און טריט היינט צו טאָג. דאָס איז אַן אַלגעמיין באַקאַנטער פּסיכאָלאָגישער שטריך פֿון דעם קליינבירגער:

„זאָלן זיי זיך דאָרט אַלע די קעפּ צעשפּאַלטן,
אבי צו הויז בלייבט'ס ביים אַלטן."

ווי געטעם קליינבירגער דריקט זיך אוים ערגעץ. דאָס אידישע באַלעבעסל איז ניט א האָר אנדערש: ער איז פּאַטריאָטיש; ער איז נאַציאָנאַליס־טיש; ער איז נאַציאָנאַל סאָציאַליסטיש; ער איז אידישיסטיש; ער איז שטאָל און אייזן פאַר דער אידישער קולטור; ער פאַרטיידיגט אפילו די אידישע רעליגיע מחמת קולטור, אַזוי לאַנג, ביז עס קומט צו קאָמוניזם. קומט עס צו קאָמוניזם איז אים שוין ליבער פאַגראָמען...

אין 1870, ווען פאַריז איז געווען באַלאַגערט פון פּרייסישע סאָל־דאַטן, שרייבט קאַרל מאַרקס אין א בריוו צו דעם היסטאָריקער עדוואַרד ספּענסער בעעסלי: „לויט אַלע אינפאָרמאַציעס וואָס איך דערהאַלט פון פראַנקרייך, וועט דער מיטלקלאַס אינגאַנצן גענומען ניכער פאַרליב נעמען אַ פּרייסישן זיג (איבער פראַנקרייך, י. מ.) איידער א רעפּובליק מיט סאָ־ציאַליסטישע טענדענצן"...

אַזוי זענען זיי אַלעמאָל און אומעטום, און אַזוי וועלן זיי פאַרבלייבן, די ליבעראַל געשטימטע, הויך קולטורעלע, נאַציאָנאַל אָנגעבלאָזענע און דעמאָקראַטיש אָנגעהויכטע באַלעבאַטישע מענשן. זיי זענען די ערשטע צו פאַרראַטן דעם אַרבעטער קלאַס, און זיי האָבן דאָס געטאָן מער ווי איינמאָל אין דער געשיכטע, אַזוי שנעל ווי זיי דוכט אַז פּריוואַט אייגנ־טום איז אין סכנה — ניט דאַווקע זייער אייגנטום — צו דעם לאָזט זיי גרוים קאַפּיטאַל ניט צו — נאָר זייער האָפנונג אויף פּריוואַט אייגנטום. דאָס איז אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן, אין די מערסטע פאַלן — די האָפנונג. אָט צוליב דער האָפנונג, העלפן זיי מיט אַלע מיטל דעם קאַפּיטאַליזם זיך דערהאַלטן. זיי זענען, ווי איך האָב זיך אַמאָל אויסגעדריקט, „קאַ־פּיטאַליזם-איסטן", ד. ה. זיי פרעדיגן און פאַרטיידיגן דעם קאַפּיטאַליזם אין דער האָפנונג, אַז אפשר אַמאָל וועלן זיי זיך דערשלאָגן צו אַן איי־גענע פּאָר גראָשן. דאָס איז דער סוד פון זייער דעמאָקראַטיזם. די דאָזיגע אורזאַך וועט זיי אויך ניט אָפּהאַלטן פון אונטערשטיצן דער פאַשיסטי־שער דיקטאַטור. אַלץ צוליב דער אויפהאַלטונג פון קאַפּיטאַליזם, אפילו ווען דאָס זאָל זיין צום שאָדן פון אידישן פאָלק: „אויב קאָמוניזם איז מיר שוין ליבער פאַגראָמען".

די קייגנערשאַפט צו דיקטאַטור איז ניט דער איינציגער אַרגומענט, וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט קייגן בירא-בידזשאַן. די מעגלעכקייט פון א מלחמה צווישן יאַפּאַן און דעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַנאַנדער הויפּט־טרעפער פון אונזערע ליבעראַלע נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן. די טענה איז מלחמה! יעדן אויגנבליק קען אויסברעכן א מלחמה צווישן יאַפּאַן און רוסלאַנד; והיה כי ת ק ר א נ ה מ ל ח מ ה... אַז עס וועט זיך מאַכן א מלחמה, וועלן די אידן ווערן אַרויסגעשטעלט אויף דעם ערשטן פייער. דאָס באָלשעוויסטישע לאַנד, הייסט עס, טוט דאָס אַלץ מיט א כיון כדי צו קענען געברויכן עטלעכע טויזנט אידן אַלס קאַנאָנען פלייש פאַר די יאַפּאַנעזישע מאַשינביקסן ביי דעם ערשטן צוזאַמענשטויס.

דאָס איז שוין ניט קיין אַרגומענט. דאָס שמעקט שוין מיט פאַר־לוימדונג אָן וועלכן עס איז לאָגישן גרונט. פאַרוואָס זאָלן די פירער פון

דעם סאָוועטנפאַרבאַנד אויסקלויבן גראָד די אידן אויף דעם ערשטן פּייער? אין דעם סאָוועטנפאַרבאַנד וואוינען 189 פּעלקערשאַפטן, צווישן זיי זענען דאָ מאַכמעדאַנער, און אַזעלכע וואס זענען אפילו ניט ציוויליזירט, פאַרוואָס האָט מען ניט אויסגעקליבן עטלעכע פון די אומציוויליזירטע פעלקערשאַפטן? פּאַרוואס עפּעס גראָד די אידן? האָט דער סאָוועטנפאַרבאַנד זיך אויסגעצייכנט מיט ספּעציעלן אנטיסעמיטיזם מען זאָל אים קענען חושד זיין אין אַזאַ טייוועלשן פּלאַן? נאָר מיר וועלן זיך אין דעם ניט אריינלאָזן. לאָמיר בעסער זען די לאָגיק פון דער באַשולדיגונג. לאָמיר זאָגן אז דאָס איז אמת, לאָמיר אויף איין מינוט מודה זיין אז דאָס איז טאקע אזוי, וואָס זשע האָט דאָס צו טאָן מיט ביראָ-בידזשאַן? אויב די פירער פון סאָוועטן-פאַרבאַנד האָבן זיך טאקע פאַרלייגט צו לאָזן די ערשטע אויסקוילענען עטלעכע טויזנט אידן אין פאַל פון א מלחמה מיט יאַפּאַן. מיט וואס זענען די אידישע יונגע לייט אין מינסק, אין קיעוו, אין מאָסקווע, אין לענינגראַד אָדער אין אַדעס מער זיכער? וועט מען זיי דען ניט קענען די ערשטע שיקן קיין מאָנגאָליע פון די דערמאָנטע שטעט? אָבער דאָס איז ניט אַלץ. אויב מען זאָל צולאָזן אָט דעם „יאַפּאַנעזישן" ארגומענט, קען דאָך דאָס אויך גילטן פאַר אוקרייאינע. א מלחמה מיט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז פּונקט אזוי מעגלעך אויף דעם אוקרייאינער פראָנט ווי עס איז אויף דעם מאָנגאָלישן פראָנט. היטלער זוכט מלחמה מיט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד ניט ווייניגער פון יאַפּאַן; פּוילן שאַרפט די ציינער אויף אוקרייאינע שוין א לאַנגע צייט. עס איז מעגלעך א פאַראייניגטער פראָנט צווישן דייטשלאַנד און פּוילן קייגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד; עס איז אויך מעגלעך א מלחמה צווישן דייטשלאַנד און פּוילן, עס איז גאָר ניט לאַנג צוריק ווי דאָס האָט געהאַלטן ניט ווייט פון דעם. אין אַלע די פאַלן שטייען די אידן אויף דעם ערשטן פייער, ניט נאָר די אידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד נאָר אויך די אידן אין פּוילן. מען קען אָט דעם ארגומענט פירן א סך ווייטער. דער סאָוועטנפאַרבאַנד קען אַטאַקירט ווערן אויך פון אנדערע זייטן, ווי למשל פינלאַנד. דאַרף מען די אידן אויך ארויסנעמען פון יענע מקומות? לויט דער לאָגיק וואָלט מען אויך באַדאַרפט וואָרענען די אידן זאָלן זיך ניט באַזעצן אין בעלגיע און אַוואדע ניט אין פראַנקרייך. אין יענע לענדער איז די מלחמה געפאַר ניט א האָר ווייניגער ווי זי איז אין מאָנגאָליע. בעלגיע און פראַנקרייך זענען ניט אין ערך נענטער פון דייטשלאַנד איידער ביראָ-בידזשאַן פון יאַפּאַן.

דער גאַנצער ארגומענט איז א קינדערשער, אויב ניט קיין בייזוויליגער. עס איז אמת, אז אויף יעדן פאַל שטייען די אידן אויף דעם ערשטן פייער. דאָס איז דער גורל פון דעם אידישן פאָלק: עס איז צעזייט און צעשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט, איז וואו מען וואַרפט ניט א שטיין טרעפט ער דעם אידן. אבער גראָד צוליב דעם ליגט דער אמת פּונקט אויף דער פאַרקערטער זייט; אונז אַלעמען זיינען באַקאַנט די פאַרפאָלגונגען און די אוממענשלעכע יסורים, וואס די אידן אין דעם אַלטן רוסלאַנד און פּוילן האָבן געהאַט אויסצושטיין בעת דער גרויסער מלחמה, ניט פון דעם שונא וועמען זיי האָבן געהאָלפן באַקעמפן, מיט קראַפט און

גייסט, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער פון לאַנד, נאָר פון דער אייגענער רעגירונג, אויף וועמעס זייט זיי האָבן געקעמפט. עס איז געווען די אייגענע רעגירונג, וועלכע האָט זיי געיאָגט און געפּלאָגט און פאַרטריבן פון לאַנד, און זיי געטריבן ערגער ווי דער שונא וואָלט דאָס געווען געטאָן. ניין, עס איז אָפט געווען דער שונא, וואָס האָט זיי געשיצט פון די ספּעציעלע פאַרפאָלגונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אריבערצוטראָגן פון זייערע אייגענע רעגירונגען, און פון זייערע אייגענע קאַמעראַדן אין קאַמף. אוודאי איז מלחמה א טויזנט מאָל פאַרשאָלטענע פאַסירונג, אָבער אויב שוין מלחמה, אויב מען קען זיך בשום אופן ניט העלפן און מען מוז גיין אין מלחמה אָפּצושלאָגן א שונא, וואָלט איך שוין בעסער געגאַנגען מיט דעם לאַנד וואָס קעמפט פאַר מענשלעכע פּרינציפּן, וואָס גיט מיר פּערזענלעך, און די איבעריגע פון מיין פאָלק, דיזעלביגע רעכט וואָס אַלע אַנדערע בירגער פון דעם לאַנד געניסן; וואָס באַטראַכט מיך, און די איבעריגע פון מיין פאָלק, פאַר פולשטענדיג גלייכבאַרעכטיגט אין אַלע פּרטים מיט די איבעריגע איינוואוינער פון דעם לאַנד, איידער צו גיין מיט די וואָס האַלטן מיך נידריגער פון זיך, וואָס באַהאַנדלען מיך ווי אַ שונא גראָד אין דער צייט ווען איך שטיי פאַרטיג צו פאַרגיסן מיין בלוט פאַר זיי.

מען דאַרף זיך נאָר צורירן צו דעם מלחמה ארגומענט און ער צעפאַלט ווי פּראָכנע. קיין נאַרישערן ארגומענט קעגן ביראָ-בידזשאַן האָבן די קעגנער גאָרניט געקענט אויסטראַכטן. לאָזט צורו די מלחמה מיט יאַפּאַן. מיר ווילן האָפן אז עס וועט קיינמאָל צו דעם ניט קומען, טאָמער אָבער יאָ, וועלן די אידן אין דעם גאַנצן סאָוועטנפאַרבאַנד, צוזאַמען מיט די אידן פון ביראָ-בידזשאַן, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יונגע קרעפטן פון דעם לאַנד, גיין מיט שמחה און מיט שטאָלץ צו פאַרטיידיגן דאָס לאַנד, וואָס ברענגט גליק און פרייהייט צו די מענשן, דאָס לאַנד וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דעם אידישן גלות געגעבן די אידן אַבסאָלוטע גלייכבאַרעכטיגונג מיט אַלע בירגער פון דעם לאַנד.

7.

קולטור און אידיש אין בירא־בידזשאן

די צוויי ארגומענטן — דיקטאטור און מלחמה — שעפּן ניט אויס אלע ארגומענטן פון די געגנער פון בירא-בידזשאן. זייער טרומף-קאַרט איז קולטור! אה, די קולטור, די קולטור! דאָס איז ביי זיי די הויפּטזאך. קולטור בכלל, און אידישע קולטור בפרט. אין דעם סכום פון קולטור, זעלבסטפארשטענדלעך, גייט ביי זיי אויך אריין די אידישע רעליגיע. די אמאָליגע אפּיקורסים אונזערע זענען איצט שטאָל און אייזן פאר דער אידישער רעליגיע — ניט מחמת רעליגיע, דאָס גראָד ניט. זיי אליין, אין זייער פּריוואטן לעבן, לאָזן זיך פון דער רעליגיע ניט שטערן. אָבער רע-ליגיע, זאָגן זיי, איז א טייל פון דער אידישער קולטור. איז אפּיקורסעם איצט ביי זיי „ראַדיקאַלעכץ", בעת ז י י זענען „ראַדיקאַל-נאַציאָנאַל". בכן, האָבן זיי מורא אז אין בירא-בידזשאן וועט חלילה וחס גיין לאיבוד די אידישע רעליגיע, וואָס דאָס מיינט א שטיק פון דער אידישער קולטור.

ניט אריינצוגיין צו וויט אין דעם ענין, וויל איך זאָגן אז דער „קול-טור ארגומענט" האָט נאָך ווייניגער האפּט ווי דער „מלחמה ארגומענט". נאָך ווייניגער האפּט ווי די ליבע צו דער מאדאם דעמאָקראטיע, וואָס די הערן פּראָקלאמירן אזוי שטארק. נאָר בטלנים שרעקן זיך פאר דעם פאר-לוסט פון קולטור. אפילו ווען מען זאָל די רעליגיע צורעכענען צו דער קולטור. מענשן קענען אָן קולטור ניט לעבן, פּונקט ווי זיי קענען אָן ברויט ניט לעבן. קומען זיי אין א צושטאנד, אָדער אויף אָן אָרט וואו עס איז ניט דאָ קיין קולטור, מאכן זיי זיך זייער אייגענע קולטור. קולטור קומט ניט פון הימל. זי וואקסט אויף דער ערד און פון דער ערד. גע-וויינטלעך הייבן די מענשן אָן מיט א ג ר י ק ו ל ט ו ר. אגריקולטור איז דער אָנהויב פון אלע קולטורן. באלד נאָך דעם, אָדער גלייכצייטיג מיט דעם, נעמען די מענשן ק ו ל ט י ו ו י ר ן, אָדער פּראָדוצירן, די אנדערע זאכן, וואָס דאָס לעבן און דאָס צוזאמענלעבן פאָדערט. מען נעמט בויען הייזער; מען דארף ברוקירן די גאסן; מען מוז זיי רייניגן און באלייכטן; מען דארף מאכן שאָסעען און אייזנבאנען; מען דארף וואסער-לייטונג; מען מוז האבן א באָד, א שפּיטאָל, א דאָקטאָר, אָן אפּטייקער און א דענטיסט. עס פאָדערט זיך גאז און עלעקטריציטעט. דאָס ווידער פאָדערט ספּעציעלע אינסטרומענטן און מאשינען, און ספּע-ציאליסטן וואס קענען די מאשינען מאכן, און אנדערע וואס וויסן ווי אומצוגיין מיט זיי. צוליב דעם מוז מען איינריכטן שולן און אוניווער-זיטעטן, לערער און פּראָפעסאָרן צו לערנען די פאכן.

אוואדע מוז מען האָבן שולן און לערער פאר דער דערציאונג פון דעם יונגן דור, מוז מען שוין צוליב דעם אויך האבן ביכער און שולן און לע-רער פאר דער דערציאונג פון לערער.

מענשן זוכן פאַרווייַלונגען, דאַרף מען האָבן פאַרזאַמלונגס פּלעצער וואו זיי זאָלן זיך צוזאַמענטרעפן — א טעאַטער, א קינאָ, א קלוב-צימער. דאָס פּאָדערט פאַרפאַסער, שוישפּילער, טענצער, זינגער א. אַ. וו.

בחורים און מיידלעך האָבן א טבע זיך צו פאַרליבן; צווישן זיי זע-נען פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן א דראַנג און א טאַלאַנט אויסצודריקן זייערע געפילן, און זייערע התלהבות, אויף פּאַפּיר. דער רעזולטאַט פון דעם סך הכל, איז די פּאָעזיע, די נאָוועלע, דער ראָמאַן און — די טראַגעדיע.

עסטעטיציזם, איז אן עלעמענטאַרער מענשלעכער אינסטינקט. ריטם, סימעטרי און דער דראַנג צו אימיטירן, ד. ה. זיך אויסצודריקן, זיינען פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפטן פון דער מענשלעכער נאַטור. פּונקט ווי דער מענש מוז האָבן שפּייז צו זעטיגן זיין הונגער, וואַסער צו לעשן זיין דאָרשט, אַזוי מוז ער האָבן שיינקייט צו באַפרידיגן זיין עסטעטישע בענקשאַפט. דידאָזיגע בענקשאַפט געפינט אן אויסדרוק, אין דער ערש-טער ליניע, אין דעם פאַרקער צווישן די געשלעכטער; מענער האָבן ליב שיינע פרויען; פרויען האָבן ליב שיינע מענער, און זיי ווילן געפעלן איינס ס'אַנדערע, און די וואָס זענען פון נאַטור ניט אַזוי שיין, מענער ווי פרויען, זוכן זיי אויס און באַנוצן קינסטלעכע מיטלען צו באַפּוצן און צו באַשיינען דעם קערפּער מיט אויסערלעכע קאָלירן און אָרנאַמענטן. אָט דאָ האָבן מיר דעם אָנהויב פון דער פּלאַסטישער קונסט, און די דער-קלערונג פאַר די מאָדעס און פאַסאָנען צו דערזעלבער צייט.

מענשן זיינען נייגעריג; זיי ווילן וויסן וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט; וואָס ס'האָט געטראָפן נעכטן, און וואָס מען מעג דערוואַרטן זאָל זיך פאַרלויפן מאָרגן — שרייבן זיי און לייענען זיי געשיכטע, מאַכן זיי צייטונגען, שטודירן זיי און פאָרשן זיי די נאַטור.

זוכנדיק אן אָרדנונג אין דעם סדר העולם, פאַרטיפן די מענשן זיך אין דעם „פאַרוואָס", און דעם „פאַרוועןָ" און אין דעם „ווי אַזוי". דער פּועל יוצא פון דעם איז די פילאָזאָפיע. א גרויסער טייל פון דער פּאָ-עזיע, און אויך — די מעטאַפיזיק. דאָס לעצטע, אגב, איז דער פורעם אין וועלכער עס זיינען ביז איצט אויסגעגאָסן געוואָרן אַלע מינים רע-ליגיעס, אַבערגלויבענישן און אָן א שיר טראַגעדיעס.

דער מענש איז א געזעלשאַפטלעכע חיה. דאָס האָט שוין אריס-טאָטל געזאָגט. די גרעסטע פרייד אין זיין לעבן געניסט דער מענש אין דעם געזעליגן אומגאַנג מיט זיינע שכנים, נאָענטע און ווייטע. פון דעם קומט וואָס יעדער איינער באַזונדער, א חוץ אַלע אַנדערע זאַכן, מוז קענען אויסקומען מיט די מענשן וואָס אַרום אים. דער וואָס וויל ניט ווערן באַליידיגט, דער טאָר ניט באַליידיגן (איזהו מכובד? המכבד את הבריות). דער וואָס וויל ניט ווערן געקרענקט, דער טאָר ניט קרענקען אַנדערע. דאָ האָבן מיר דעם יסוד פון אַלע מאָראַל באַגריפן און אַלע מאָראַל לערען. דאָסדאָזיגע פּאָדערט שוין רעגולאַציעס, כללים און פאַר-אָרדנונגען, ד. ה. געזעצגעבונג און מענשן וואָס זאָלן אויפפּאַסן אויף דער

אָרדנונג, אויסגליַיכן סכסוכים א. א. וו. — אויב דער סך הכל פון דעם אַלעם איז ניט קולטור, טאָ וואָס איז קולטור?

צו דעם אַלעם קומט נאָך צו נאָך איין פּונקט. א פּונקט, וואָס לייגט זיַין חתימה אויף דער מענשלעכער קולטור אַלס א גאַנצע. דער פּונקט איז, די מענשלעכע איַינגעשאַפט וואָס טיילט זיי אָפּ פון אַלע אַנדערע לע-בעדיגע באַשעפענישן: די מענשן האָבן פיַינט אָנצוהייבן פון אָנהייב. זיי באַנוצן זיך מיט דערפאַרונג פון די פריערדיגע דורות. זיי היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ די אָנגעזאַמלטע קולטור דערגרייכונגען פון די מענשן וואָס זיַינען געווען פאַר זיי. מען פאַרטאַכלעוועט ניט די מינדסטע קליַיניקייט. זייער אָפּט האַלט מען זיך מיט דעם אַלטן לאַנג נאָך דעם ווי די באַדער-פעניש פאַר דער זאַך איז פאַרביי, און ווען סוף כל סוף פאַרוואַרפט מען עטוואָס פון דעם אַלטן, איז דאָס דעמאָלט ווען מען קען דאָס שוין לחלוטין ניט געברויכן, און אפילו דעמאָלט ווערט דאָס פאַרבראַכט אין דער גע-שיכטע אָדער די לעגענדע. מען קען זאָגן, אַז די מענשן האַלטן זיך שוין צו לאַנג בײַ דעם אַלטן.

עס איז דערפאַר ניטאָ קיין שום גרונט פאַר דער מורא, אַז די קולטור אין בירא-בידזשאַן וועט ליַידן, די מענשן דאָרט וועלן זיַין הונגעריג פאַר קולטור; זיי וועלן נעמען פון דעם פאַרטיגן, וואו עס וועט זיך נאָר לאָזן; זיי וועלן אימיטירן, באַפרוכפּערן און ווידער באַלעבן דאָס אַלטע, און זיי וועלן שאַפן מיט אַן אימפּעט נייַע קולטור, ווי די מענשן האָבן דאָס גע-טאָן אומעטום, און אין אַלע ציַיטן, ווי זיי טוען דאָס היַינט, און ווי עס ווערט שוין באַציַיטנס געטאָן, אין בירא-בידזשאַן הײַנט צו טאָג. איך שרעק זיך ניט אפילו פאַר דעם „צאינה וראינה״ — דאָס וועלן די מאַמעס באַזאָרגן. דעם חומש גופא וועט ניט איין טאַטע מיטברענגען אין זייער איבערוואַנדערונג אין דעם אידישן לאַנד, בירא-בידזשאַן.

א טייל פון דעם גייסטיגען שימעל, וואָס איז אָנגעוואַקסן פאַר די דורות, וועט זיכער אַוועקפאַלן — אין דעם קען מען גאָר ניט צווייפלען. די שפּינוועב-צוויטן וועלן ווערן אַוועקגעבעזימט פון אַלע פינסטערע ווינ-קעלעך אָן רחמנות; די נאַרישע אַבערגלויבנס, די ירושה פון אָרעמ-קייט, אומוויסנקייט, אומבאַהאָלפנקייט און אומזיכערקייט, וועלן אַוועדע אַוועקפאַלן ווי פון זיך אַליין, אין דעם לאַנד וואו „דאָס אילוזאָרישע גליק פון דעם פאָלק״ וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין „זיַין אמת׳ן גליק״, אָבער דאָס וועט ניט שטערן, נאָר העלפן דער קולטור. די אידן וואָס וועלן זיך באַזעצן אין בירא-בידזשאַן וועלן ניט פאַרוואַרפן דעם תנ״ך אַלס קולטור ווערק פון דעם אידישן פאָלק, פּונקט ווי זיי וועלן ניט פאַרוואַרפן די ווערק פון האָמער, סאָקראַט, אָדער ספּינאָזא און ענלעכע גרויסע קולטור ווערטן, וואָס די מענשהייט האָט באַשאַפן. ניטאָ וואָס זיך צו שרעקן.

פון דער אַנדער זייט פאַרשפּרעכט בירא-בידזשאַן דער אידישער קולטור עטוואָס וואָס זי קען אין ערגעץ ניט דערוואַרטן. בירא-בידזשאַן פאַרשפּרעכט צו געבן א תיקון דער אידישער שפּראַך און דער גאַנצער אידישער קולטור וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביז היַינט, און וואָס וועט

נאָך געשאפן ווערן אין אלע לענדער וואו עס לעבן אידן און געברויכן די אידישע שפּראך פאר קולטורעלע אויפטואונגען.

וואָסער מיינונג איינער זאָל ניט האָבן וועגן דעם צוקונפטיגן גורל פון דער אידישער שפּראך אין אלע „הערן-לענדער", זיכער איז, אז אין קיין שום אנדער לאנד אין דער גאנצער וועלט, האָט אידיש ניט די מעגלעכקייט, און ניט די געלעגנהייט, וואס עס וועט האָבן אין בירָא-בידזשאן, דאָרט און נאָר דאָרט, וועלן אונזערע קלאַסיקער פון אמאָל, די פון היינט און די וואָס וועלן נאָך קומען, ווערן פאראייביגט; דאָרט און נאָר דאָרט, וועט דער אידישער שרייבער ניט פילן אז ער דארף זיך אנטשולדיגן פאַרוואָס ער שרייבט אידיש, ווי עס איז דער פאל היינט צו טאָג מיט גאָר א גרויסער צאָל פון אונז. דער אידישער שרייבער וואָס האָפט אויף אומשטערבלעכקייט, — און ווער פון אונז איז אין גאנצען באַפרייט פון דער־דאָזיגער חולאת? — קען דאָס דערווארטן נאָר דאָרטן, וואו דאָס אידישע בוך וועט זיין געשריבן אין דעם לשון פון דעם לאַנד.

דאָסדאָזיגע לאנד איז ב י ר אָ - ב י ד ז ש א ן.

נו, זענען דאָ אנדערע מענשן וואס שרעקן זיך פאר דער ריינקייט פון אונזער לשון. זיי האָבן מורא אז אין בירָא-בידזשאַן וועט די שפּראך זיך אזוי פארענדערן, אז מיר וועלן זיך מער ניט דערקענען. אין דעם שטעקט א סך אמת, אבער דער אמת איז ניט אַזאַ וואָס דארף אונז באַ־אומרואיגן. אוואדע וועט אונזער לשון זיך שטארק ענדערן, אָבער די ענדערונג וועט זיין צום גוטן, וואָרום דאָס וועט זיין אן אויסברייטונג, אַ באַרייכערונג פון דעם לשון. אזוי ענדערן זיך אלע לעבעדיגע לשונות, אזוי האָט אידיש זיך אלעמאָל געענדערט, וויפיל קענען מיר היינט פאר־שטיין פון דעם אלטן אידיש, אויף וועלכע עס זיינען געשריבן געוואָרן די אמאָליגע „שאלות-תשובות"? וויפיל פון אונזערע זיידעס וואָלטן פאר־שטאַנען אונזער היינטיגן אידיש? אַזוי וועט דאָס אויך געשען מיט אונז אין דער צוקונפט, און אזוי וועט דאָס אויך פּאַסירן אין בירָא-בידזשאן. אידיש, איבערהויפּט, וועט נאָך מוזן ווערן שטארק באַרייכערט איידער עס וועט זיין מסוגל צו דערפילן די אויפגאבן פון א הערשנדער שפּראַך. אונזער לשון גייט נאָך אָפּ א מאסע טעכנישע, וויסנשאַפטלעכע, פילאָ־זאָפישע און געריכטלעכע טערמינען און אויסדרוקן, וואס אָן זיי קען א הערשנדע שפּראך ניט פונקציאָנירן ווי געהעריג. דאָס לאנד וואו אידיש וועט זיין די שפּראך פון לאנד, וועט מוזן באַשאַפן די אלע ווערטער פאר אירע פאבריקן, שולן, געריכטן און אלע אנדערע אינסטיטוציעס. ניטאָ וואס צו שרעקן זיך, אַז דאָס לשון וועט קאַליע ווערן אין דעם פּראָ־צעס פון באַרייכערונג. מענשן ווערן קאַליע ווען זיי ווערן רייך, ניט שפּראַכן. מיר דארפן, פארקערט, זיין צופרידן פון אַזאַ מעגלעכקייט, אונטער דעם דראנג פון א רייכן פאָלקס-לעבן, אונטער מענשלעכע באַ־דינגונגען אויף אן אייגענער טעריטאָריע, וועט אונזער אידיש ווערן אַ מאָדערנע און רייכע שפּראך.

עס איז פאַראַן עפּעס מאַגנעטישעס אין דער פאָרשטעלונג פון דעם נייעם אידישן דור וואס וועט אנטשטיין אין דעם נייעם אידישן לאנד.

ווי דורך א כישוף ווערט אָנגעצונדן די פאַנטאַזיע, ווען מען נעמט טראַכטן פון א אידישן קיבוץ, וואָס איז נעבוירן און דערצויגן אין א סביבה, וואו עס איז ניטאָ קיין זכר פון אנטיסעמיטיזם; קיין שמץ פון נאַציאָנאַלן האַס אָדער ראַסנהאַס; אָן שום פאָראורטיילן, אָן פריצים, אָן רבנים, אָן מורי מורינות, אָן א שפור פון דעם אַלטן שימל — א קיבוץ, וואו די מענשן זענען באַפרייט פון זאָרג און פון מורא פאַר דעם מאָרגנדיגן טאָג; וואו קיינער האָט ניט די נויטווענדיגקייט צו שווינדלען, אָדער אָפּצונאַרן; וואו קיינער קען ניט האָבן קיין פּרעטענזיעס אויף קאַפּיטאַליסטישן פּריוואַט-אייגנטום; וואו קיינער איז ניט גענויטיגט צו ברעכן די צונג אויף אַלע „שבעים לשונות"; וואו יעדער איינער האָט די מעגלעכקייט בייצוטראָגן זיין חלק, גרויס צו קליין, צו דעם סך הכל פון א ריינער און געזונטער קולטור אין זיין אייגענעם לשון, וואָס איז אין איין צייט דאָס לשון פון דעם אַלטעגלעכן לעבן; פון דער וויסנשאַפט און פון דער פילאָזאָפיע — וואָסער פאַנטאַזיע! איז דאָס ניט אַמאָל א פּוסטער חלום, אויסגעטראַכט פון עפּעס אן אומפאַראַנטוואָרטלעכן פאַנטאַזיאָר? אָדער מאַכט ווער ליצנות?

אזוי וואָלט דאָס אויסגעזען ערשט מיט א קורצער צייט צוריק. היינט איז די זאַך אַנדערש; היינט איז דאָס דער אָנהויב פון א נייער עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע.

די פאַנטאַזיע איז געוואָרן, אָדער הייבט אָן צו ווערן, א ווירקלעכקייט: „דער סאָציאַליזם איז א צווייפאַכע רפואה פאַר א צווייפאַכע מכה; דער סאָציאַליזם וועט אונז אויסלייזן פון קאַפּיטאַליזם; עס וועט אונז באַפרייען פון אנטיסעמיטיזם." דאָס האָט דער באָלשעוויזם אויפגעטאָן פאַר דעם אידישן פאָלק.

דאָס איז ביראָ-בידזשאַן! א נייע עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע.